STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05055

MAYN KLEYNE ANTOLOGYE

Arn Vergelis

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Muriel V. Herman
in memory of
Anne Herman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרן ווערגעליס

מײַן קלײנע אנטאָלאָגיע

פון דער רוסישער דיכטונג
אין צוואנציקסטן יאָרהונדערט

העפט נומער 1



בײַלאגע צום זשורנאל
"די ייִדישע גאס"
נום.
3 — 4

מאָסקווע
פארלאג "די ייִדישע גאס"
1993

אין ערשטן העפט פון דער דאָזיקער זאמלונג זײַנען אײַנגעשלאָסן די איבערגעזעצטע אף יידיש דיכטערישע ווערק פון פאָלגנדע רוסישע פאָעטן:

אינאָקענטי אנענסקי, פיאָדאָר סאָלאָגוב, דמיטרי מערעזשקאָווסקי, וויאטשעסלאוו איוואנאָוו, קאָנסטאנטין באלמאָנט, זינאידע גיפּיוס, איוואן בונין, מיכאיל קוזמין, וואלערי בריוסאָוו, מאקסימיליאן וואָלאָשין, אלעקסאנדער בלאָק, אנדריי בעלי, סערגיי גאָראָדעצקי, ניקאָלײַ קליויעוו, וואסילי קאמענסקי, וועלעמיר כלעבניקאָוו, ניקאָלײַ גומיליאָוו, וולאדיסלאוו כאָדאסעוויטש, איגאָר סעווערי‍אנין, אלעקסאנדער שיראיעוועץ, פיאָטער אָרעשין, וולאדימיר נארבוט, סערגיי קליטשקאָוו, ניקאָלײַ אסייעוו, אנא אכמאטאָווא, באָריס פּאסטערנאק, מיכאיל זענקעוויטש, אָסיפּ מאנדעלשטאם, מאריא שקאפּסקאיא, איליא ערענבורג, מארינע צוועטאיעווא, וולאדימיר מאיאקאָווסקי, געאָרגי איוואנאָוו, סערגיי יעסענין, עדוארד באגריצקי, ווסעוואָלאָד ראָזשדעסטווענסקי, ניקאָלײַ טיכאָנאָוו, Pאוועל אנטאָקאָלסקי, איליא סעלווינסקי, ניקאָלײַ אושאקאָוו, אלעקסיי סורקאָוו, וולאדימיר נאבאָקאָוו, מיכאיל איסאקאָווסקי, מיכאיל סוועטלאָוו, יאָסיף אוטקין, ניקאָלײַ זאבאָלאָצקי, לעאָניד מארטינאָוו, סעמיאָן קירסאנאָוו.

אינאָקענטי אנענסקי (1856 — 1909)

דיכטונג

אין הימל איבערן בארג סינײַ
די שטראַלן אירע זײַנען שיין,
ס'איז גרינג אין זייער שײַן געפינען,
פאר זיך א ציל, וווהין צו גיין.

אָבער פון בלויע רוימען הויכע
כ'אנטלויף וואָס גיכער צו דעם זאמד.
די הויכע ספערן כ'בין אײַך מויכל,
א, לאָזט צורו מיך אומגעזאמט.

דאָרט, ווו עס ליגן זאמדן פוסטע,
איך שטעל די טריט מײַנע פארטראכט,
קעדיי דעם שפור פון אירע פוסטריט
אין מידבער זוכן טאָג־און־נאכט.

1900

א גלעקער־געקלאַנג אינעם פעלד

באפרײַט האָבן זיך פון א צוים
די גלעקער — די קלענסטע אפילע,

דער בלויער כאַלעל פון רוים
איז פול מיט ערדישער טפילע.

איך קום צו די גלעקער און זאָג:
טראָגט אַפּ מיך אין הימלשן כאַלעל
צוזאמען מיט שטויב פונעם טאָג
און מיט דעם טרוים וועגן שאָלעם.

1908

* * *

געמיינט, אז דאָס האַרץ וועט פּלאַצן,
נאָר א ביסעלע בלויז עס טוט וויי,
סע שפּאַרט פון די ערדישע פּלאַסטן
א פייער, באַגלייט מיט געשריי.

אך, שרעק האָט די ווערט א גראַשן,
קיין סרייפע ניטאָ איז שוין אויך;
נו, יאָ — מ'האָט דאָס פייער פאַרלאָשן
נאָר איך ווער דערשטיקט אינעם רויך.

1908

* * *

פון פרויען קאַלערליי און אַן א שיר
איז איינע מיר צום האַרצן נעענטער און ליבער —
ניט ווייל געווען עס איז מיר גוט אזוי מיט איר,
נאָר ווייל מיט אנדערע אַן איר ס'איז מיר דערווידער.

און אויב איך לעבן עפּעס־וואָס מיר פעלט,
מיט איר צום עמעס קאָן איך זיך דערגראָבן —

ניט ווײַל מיט איר איז ליכטיק אַף דער וועלט,
נאָר ווײַל מיט איר מע דאַרף קיין ליכט ניט האָבן.

1909

פיאָדאָר סאָלאָגוב (1863 — 1927)

* * *

מיט אַט דער ערד מיך גאָרניט מער פאַרבינדט,
אויך זי אליין געדענקט שוין ניט מײַן נאָמען,
און זאָל דער מאַלעך, וואָס דעם בוירע דינט,
אוועקטראָגן פונדאַנען מײַן נעשאָמע.

נאָר איינס אָן סאָפעק כ׳האָב דערוואָרבן הי,
פאַר דעם בין דאַנקבאַר אַט דער ערד דער אַלטער:
איך קלײַב אליין זיך אויס די שווערסטע מי,
דעם ברייטהאַרציקן לוין פאַר יאָרן קאַלטע.

דערפאַר מײַן קאָל פאַרפאַלן וועט ניט גיין,
פון אַלע גליקן איז די מי מיר ליבער.
„דאָ איז מײַן גענעם״, — כ׳זאָג מיט קריץ פון ציין,
„דאָ — מײַן גאַניידן״, — כ׳שלאָג אליין זיך איבער.

3 אַפּרעל 1919

דאָוויד האַמיילעכס האַרפע

באַ זײַן בעט דער טהילים־זינגער
האָט אַ האַרפע אופגעהאַנגען,
מיטאַמאָל אין אַלע ווינקלען

זיך דערהערט עס האָבן קלאַנגען,
כאָטש ס'האָט קיינער צו דער האַרפע
זיך ניט צוגערירט אפילו.
אופגעוועקט די קלאַנגען צאַרטע
האָבן דאַווידן צו טפילע...
ס'האָט דער טאָג זיך אָנגעפאַנגען.
דעמלט שוין, געזונט און פריילעך
(מ'איז שפּאַצירן פונקט געגאַנגען),
האָט אַרויסגעזאָגט דער מיילעך
א געדאַנק מיט ווערטער שטילע,
וואָס עס קומט אים אפן זינען:
"פריער מאַכט דער ייִד א טפילע
און דערנאָך ערשט מעג ער זינגען..."

1920

דמיטרי מערעזשקאָווסקי (1865 — 1941)

גאָט

דײַן נאָמען, גאָטעניו, איך ליִב
פאַר דעם, וואָס האָסט געגעבן מיר
צו זען די וועלט — איר ערד און שטויב
און אירע הימלען אָן א שיר.
דו ביסט צו מיר סײַ שטרענג, סײַ ווייך,
און טאָמיד זע איך דײַן געזיכט
אין שטערן־כוישעך פון דער הייך,
אין דער נעשאָמעס טהאָם און ליכט.
כאָטש פול מיט גרויל עס איז מײַן צײַט,

פאר יעדער רעגע כ'דאנק דיר, גאָט;
עס לעבט דער מענטש אף גאָטס באראָט,
עס שטארבט דער מענטש — פון גאָט באנײַט.
כ'האָב ניט געגלייבט און זיך געפּלאָגט
באם זוכן אייביק דאָס געגארטס.
דער סייכל האָט דיר אָפּגעזאָגט,
נאָר כ'האָב געטראָגן דיך אין הארץ.
האָסט זיך אנטפּלעקט: דו ביסט — די וועלט,
ביסט אלץ, דער הימל און די ערד,
דאָס זאמד אין מידבער, ס'ברויט אין פעלד,
ביסט אלץ, וואָס איז דעם מענטש באשערט.
קאָלזמאן איך לעב, כ'וועל לויבן דיך,
און בא דעם סאָף שוין פון מײַן זײַן,
ווען אין דער נאכט פארגייט די ליכט,
דאן כ'וועל דיר אומקערן מײַן שײַן...

1901

איך שווײַג

איך וויל די ליבע מײַנע אויסזאָגן מיט ווערטער,
נאָר פון דער טיפעניש דערגייט א קאָל: ניט לײַג!
דאן כ'ווער בארויגעז אף דער וועלט דער שלעכטער,
וואָס גלייבט ניט די געפילן. און איך שווײַג.

עס זײַנען צניעסדיק אָן לאָשן די געפילן,
און אלדאָס הייליקע אין שווײַגן איז פארהילט.
קאָלזמאן די כוואליעס אפן פלאך פון יאם זיך שפּילן,
דאָרט אפן דנאָ איז סוידעסדיק און שטיל.

1903

א קלאָלע דער ליבע

אין אָנמאכט מענטשלעכער פארטריבן,
די ליבע־קייט צעברעכן כ׳וויל.
אָ, לאָז צורו מיך, בלינדע ליבע,
הער אויף די סוידעסדיקע שפיל.

ס׳איז די נעשאָמע פול מיט מוירע,
כ׳בין ניט באשיצט פון גוואלט און שפאָט.
באפריי מיך, גאָט, פון אָט דעם שוידער,
אָ, קער מיר אום די פרייהייט, גאָט!

1904

וויאטשעסלאוו איוואנאָוו (1866 — 1949)

* * *

אָ, קייוער־וויגעלע, דערווידער
דער אייביקער, דער לעצטער רו,
א שפעטן אומקער זאָג היינט צו
אונדז, לעבעדיקע מענטשן, ווידער.

פון כוואליעס טונקעלע דער לויף
און איבער זיי די ווייסע שוואלבן
פונקט ווי א האלבע מיט א האלבן
דער גאנצער אָדאָם לייגט צונויף.

צו דיר מיר קומען, קלוגע ברוים,
עס לעבט אין דיר דער סייכל נאָך.

דעקסט צו דאָס לעבעדיקע, דאָך
איך דיך דאָס לעבן לאָזט ניט רוען.

1919 — 1918

פונעם ציקל "רוימישער טאָגבוך 1944"

יאנוואר

פון מאָסקווער טאָפּאָלן דער קליי
מיט סמאָלע שמעקט אונטערן שניי.
אין דער צעשיידונג בייס די ראנגלען
צו מיר אין שלאָף עס איז דערגאנגען
דער שאָרך פון שטילער שעפּטשעריַי,
דער גלאָקן־קלונג, וואָס איז היַינט ניַי.

די היים פארשאָטן איז מיט ווינטער,
איך וועל ניט קומען שוין אהין,
צעוואלגערט אלץ איז אָן א זין
דאָרט, ווּ געוועזן עס איז דער צווינטער.

1922

קאָנסטאנטין באלמאָנט (1867 — 1942)

א סאָנעט

אין דיַין סאָנעט, אָ דיכטער, נעם אריַין
דעם דופּט פון קווייטן און דעם רויך פון קוימענס,

צוויי טראָפּנס טוי, דריַי שפּריצן שיַין
און דעם פּאַרטראַכט, וואָס איז נאָך קיינעמס.

דערשפּיר אין פעלד די זאַטקיַיט פונעם זאַנג,
דערפּיל אין וואַלד דעם הונגער פון די פיַיעס,
כאַפּ אונטער פון די פייגל דאָס געזאַנג
און לעב אַזוי מיט ציטער און מיט כ׳יעס.

און הער ניט אויף באַטאָג־באַנאַכט צו זוכן
דעם טיקן, וועלכן קיינמאָל איז ניט שפּעט
אַריַינטאָן אינעם מויעך דעם פּאָעט.

געפין דעם קלאָרן מיין פון אַלטע שפּרוכן,
דעם ניַיעם וואַריאַנט פון א געבעט
און שטעל אַריַין דאָס אַלץ אינעם סאָנעט.

1917

ליד פון דעם אַרבעטער־האַמער

קלאַפּ, קלאַפּ, העמערל,
א צוואָק אין יעדן ברעטעלע,
די צוועקעס קלאַפּן מיר אַריַין,
און ס׳וועט א טיש א ניַיער זיַין
פאַר די געסט פאַרבעטענע.

אַרום טיש וועט זיצן זיכער
אונדזער אַרבעטער־געזינד,
און אין דרויסן — שניי און וויכער,
שטאַרקער פראָסט און בייזער ווינט.

קלאַפּ און קלאַפּ! דערשראָקן דען
האָט אונדז דאָס, וואָס ס׳לאָקערן

קעלט און הונגער אף די ווענט?
כ׳נעם דעם האמער אין די הענט
און פארטרײַב זיי מיט א זעמערל:
קלאפּ, קלאפּ, העמערל.

קלאפּ, קלאפּ, ס׳איז שוין שפּעט,
גיכער מאך פאר אונדז א בעט,
זי זאָל פעסט זײַן, ניט צעפאָרן,
הערצער זאָלן דאָרט זיך פּאָרן.
פון באגינען ביזן דעמערן
קלאפּ, קלאפּ, העמערל.

אף זיך מערן, שוואנגער ווערן
האָבן מיר א בעט געשטעלט.
ס׳האָט דער מענטש מיט ליידן שווערע
אין דער בעט דערזען די וועלט.

קלאפּ, קלאפּ, האמער, גרינג,
מיט דער שווערקײַט דײַנער זינג.
אויב מיר ווען דאָ זיך ענדיקן,
וועט מען אונדז געדענקען שטענדיק.
איצטער, האמער, שנעל און האסטיק
קלאפּ צונויף א פעסטן קאסטן.

שלאָג, שלאָג, האמער מײַן,
אין דער קוזניע — היץ און שײַן,
איבערשמידן מינאסטאם
וועט מען פינצטערניש און פלאם.
ס׳קומט די זון צו אונדז ארײַן,
זינג, זינג, האמער מײַן.

מיט קלאנגען קרעפטיקע און הארבע

אײַך װעק איך אױף און גיב אײַך קװ'ך,
איך בין א האמער, װעלכער ארבעט,
אין מיר עפּאָכעס קלינגען הױך.
באם ניל מ'האָט מיך גערופן אנדערש,
באם גאנג געװען כ'בין עפשער לײַכט.
מײַן רונד געזיכט מיט אלף־אנאנדער —
גלײַך די לעװאָנע אינעם טײַך.
כ'האָב קײנמאָל ניט געזאָגט קײן ליגן,
בין טאָמיד דאָ און שטענדיק הי,
די שװערד געשמידט כ'האָב צו די קריגן,
דעם אקער — צו דער שװערער מי.
מיט מיר דער מענטש איז שױן ניט אָרעם,
אָן מיר ער פאלט ארײַן אין נױט.
כ'בין אפן צאָפן, אפן דאָרעם,
דאָרט, װו מע שאפט און װו מע בױט.
פון קאָסעס מײַנע הײַנט און נעכטן
צו דר'ערד געפאלן איז דאָס גראָז,
די שניטער האלטן מײַנע סערפּן,
אזױװי דימענטן באם גלאָז.
איך קלאפּ סײַ הילכיק און סײַ פריילעך,
דאָס העליש פײַער מאכט ניט מיד.
די ליאלקע אין איר פײַנעם היילעך
האָב איך, דער האמער, אויסגעשמידט.
איך טו א רוף — דער מיזרעך הערט,
איך טו א קלאפּ — דער מײַרעװ ציטערט.
פון שײַן פון מײַנער ליכטיק װערט,
און מײַן נאבאטן־קלאנג דערשיטערט.
איך בין — מערידע, אופרײַס בין איך,
פון מײַן געלעכטער קראכן װענט,
דעם זון־אופגאנג אין הימל שפּין איך,

כאפּ אויס די שטערן מיט די הענט.
די גרויע פעלדזן כ׳האָב צעשפּאָלטן
און דורכגעלייגט אין זיי א וועג.
דער האָפענונג איך האָב געמאָלדן:
אויב דו ביסט יאם, בין איך דער ברעג.
כ׳בין גאָלד מעזומענס — אָן גענאַר.
א האָרעפּאַשניק און א האַר,
מיט מי דעם לעבנסגאַנג איך ענדער.

עס בוקן זיך פאַר מיר די לענדער.
דעם ערשטן מײַ, גלײַך מיט די טויבן,
מיט ווינטן ווארעמע באַנאַנד
דעם שווערן האַמער האָט פאַרהויבן
א פעסטע זיגערישע האַנט.

קלאַפּ, קלאַפּ, האַמער מײַן,
אָט איז פינצטער, אָט איז שײַן.
די קוואַלדע טוט א קלונג,
און די ליד איז אָפּן צונג.
זאָל די זון צו אונדז אַרײַן;
קלאַפּ, קלאַפּ, האַמער מײַן.

20 פעברואַר 1920

זינאַידע גיפּיוס (1869 — 1945)

* * *

כ׳בין אויסגעצערט, ווי נאָך א טאָנעס,
א קאָל — א ווידערקאָל איך הער:

ס'האָט קיינער ניט אָף אונדז ראכמאָנעס
און קיינער ליבט אונדז שוין ניט מער.

מיר גייען לויט א פרעמדן ווילן,
ווי שאָטנס אָן א קלאָרן זין.
דער וועג שנייַדט דורך א וואלד א שטילן,
ער פירט — מיר ווייסן ניט וווהין.

דער צייַלעם, וואָס מיר טראָגן אלע,
פארשטעלט דעם וועג אונדז צו דעם טראַקט,
אָן קויכעס וועלן אלע פאלן
דאָרט בא דער טיר, וואָס איז פארהאקט.

און קיינער, קיינער ניט דערוווידערט,
מיר טוען, וואָס דער גוירל וויל,
אונדזער באשעפער, שוין א מידער,
קאָן אונדז ניט ליב האָבן באם ציל.

און, פאלנדיק, אין דעם מיר גלויבן,
מיר בלייַבן לעבן אלפּי נעס,
כאָטש ווי די קוואָרים־ערד פון אויבן,
דער הימל דריקט צום טויט אונדז פעסט.

1917 — 1916

דער יונגער מארט

קומט, לאָמיר אין גאסן זיך פרייען,
קומט צינדן די גאָלדענע שייַן.
דאָרט קושט זיך די זון מיט די שנייען
און אויסגעשפּילט דאָרט איז דער ווייַן.

אין ווינטיקן פרילינג אין העלן
די שטאָט, וואָס איז פריילעך און צארט,
באהאנגען זאָל זײַן, ווי מיט קרעלן,
מיט מאַנבליטן רויטע פון מארט.

מע הערט נאָך ניט אוף זיך צו שעלטן,
פון קריג דויערט אלץ נאָך די שאנד.
זײַט דרייסטער! ס'וועט אופגיין אין וועלטן
די פרײַהײַט פון מעכטיקן לאנד.

אף אונדז שווערע צײַטן נאָךווארטן
קאָלזמאַן ס'איז פארהויבן די שווערד,
נאָר לאָמיר אין פרילינג געגארטן
פארהיטן דעם בונד מיט דער ערד.

8 מארט 1917

אויב...

אויב אין דער וועלט ווערט פינצטער — כ'שרײַ מיט צאָרן.
אויב ס'איז דער מענטש א כײַע — כ'רוף אים וואָרעם.
אויב ער נאָך ערגער איז — מײַן פסאק ווערט הארבער.
אויב ס'איז ניטאָ מײַן רוסלאנד — דעמלט שטארב איך.

פעווראל 1918

14 דעקאבער 18־טן יאָר

אין יענעם יאָר האָט באם געזאלבטן
דאָס איידעלע געדולד געפלאצט.
עס פרירט דאָס בלוט אין סטראָי אין קאלטן
אינעם דעקאבער אפן פלאץ.

די אײַזערנע, די בייזע כײַע
האָט אײַך פאַרטיליקט, ניט באזיגט,
מיט ענגע פליגל, וועהאָרײַע,
פֿאַרקוועטשט, פאַרפּינצטערט און דערשטיקט.

אף וועגן־אומוועגן צעוויכערט,
די טראַיקע לויפט — ווהין? ווהין?
הײַנט מיטן לעבן שוין ניט זיכער,
מע ווארט — ווען זײַן וועט דער פּסק־דין...

אומזיסט האָט מוראוויאָוו געהיימע
געבאָטן פאר די פרײַנט צעשיקט,
אוי פּעסטעל ווארפט ארוף אן איימע,
ווען מ׳ווארפט אים אפן האלדז דעם שטריק.

דעקאבער 1918

* * *

אָט דעם טרוים פון אלע טרוימען,
גאַטעניו, כ׳טראָג אין דער ברוסט לאַנג:
נעם אראָפּ פון מיר די צוימען,
כ׳זאָל דערגיין ביז מאמע־רוסלאנד.
ווי געלאָזט האָסט סימעאָנען
זען ס׳מאָשיכישע באַוווסט־לאנד,
גיב מיר, גאָט, אז איך זאָל קאָנען
אף דער וואָר זען מאמע־רוסלאנד.

1920

די זינד

סײַ גאָט, סײַ מענטש וועט מוחל זײַן.
געקאָמע נעמט מען פון ניט וויסן.
נאָר בייזקײַט בלײַבט אפן געוויסן,
באהאלט זיך אויס מיט שרעק און פּײַן.

דער כוואו איז פראָסט, דער וועג איז ריין,
אין בייזן בלוט שוין צײַט פארגעסן.
די שלאנג, ווען ס׳וועט איר צײַט פארגיין,
דעם עק דעם אייגענעם וועט עסן.

ווי גאָט, מיר וועלן מוחל זײַן,
נאָר ס׳ווייסט די זינד ניט פון מעבּילע,
זי ווארפט אף זיך אליין איר שײַן
און איז ניט מוחל זיך אפילע,
ווען אלע קניִען מיט א טפילע.

1938

איוואן בונין (1870 — 1953)

צום היימלאנד

פאר דיר קיין לויב זיי האָבן קיינמאָל,
זיי קאָנען דיר ניט מוחל זײַן
די פראָסטע מידעס דײַנע, היימלאנד,
די כאטעס שטרויענע אָן שײַן.

אזוי א פרעכער זון, מיסטאמע,
אין שטאָט, צווישן גענאר און שפּאָט,

זיך שעמט מיט דער פאַרזאָרגטער מאמע,
וואָס אים אליין געבוירן האָט.
מיט פאלשן שמייכל ער באגעגנט
די זקינע, וואָס קעדיי זיך מיד
פארטרויען וואָכנלאנג די וועגן
דעם לעצטן גראָשן האָט געהיט.

1901

א ליד

כ׳בין א פּראָסטע מויד אף די באשטאנען,
מײַן געליבטער ברענגט פון יאם מיר פיש.
נאָך זײַן זעגל בענקען די לימאנען,
ווען איך זע אים, ווער איך ווי צעמישט.

שיין אפן באָספאָר די מידלעך זײַנען,
נו, און מיך פארלאָזן האָט דאָס גליק.
שוואכער נעמט אין יאם דער זעגל שײַנען
קיינמאָל קומען וועט ער ניט צוריק.

דעם באשטאן פארלאָזן וועל איך דארפן.
כ׳וואַרט און וואַרט, פון זינען גיי אראָפּ.
ס׳פינגערל אין יאם איך וועל פארווארפן,
זיך דערווארגן מיט מײַן שווערן צאָפּ!

1907 — 1906

ראָכלס קייווער

"און בא דעם וועג האָט יאנקעוו זי צו קווורע
געבראכט..." און אף איר שטילן קייווער פעלט

פון עמעצן אן אויסגעקריצטע שורע,
איר נאָמען כאָטש זאָל לויכטן. טונקל העלט
באנאכט פון קייווער א געהיימער אָפּשײַן,
ווײַל אויסגעווײַסט מיט קאלך איז איר געצעלט,
אין וועלכן אױף אייביק זי איז אָפּ שוין.
איך קום אהער, און זאָלן אלע האָרכן —
איך קוש דעם קאלך, וואָס אפן שטיין ער העלט,
פון ווערטער ערדישע דאָס סאמע זיסע — ראָכל!

מאגאָמעט און סאפּיִע1

סאפּיִע דארף קיין כיין בא קיינעם ניט אנטלײַען,
שוואַר זײַנען די צעפּ, און שלאנק עס איז דער גוף.
"אלע דאָ מיך זידלען. "יִידישקע!" זיי שרײַען.
מאגאָמעט, וואָס זאָל איך זאָגן אױף דערויף?"
מאגאָמעט צעלאכט זיך, און ער ענטפערט שפּעטער:
"ווען זיי וועלן צושטיין, זאָלסט זיי זאָגן דאן —
ס'איז אווראָם מײַן טאטע, מוישע איז מײַן פעטער,
מאגאָמעט — מײַן מאן".

1914

דאָס זיבעצנטע יאָר

איך זע פאר זיך אן אויסגעהאקטן וואלד,
אָסינעס הויכע שטייען דאָרט פארציטערט,
די הימלען — אָפן צו דער וועלט און קאלט.
איך פאָר ארײַן באנאכט אין אָט די גיטער —
פון טונקלען טאָלעכל צום סאמע קאָסאָגאָר.

---

1 סאפּיִע איז געווען איינע פון מאגאָמעטס פיר ווײַבער

אין וואַלד עס רויטלען זיך קוים־קוים די קרוינען,
וואָס מיט די שפּיצן שפּיגלען אָפּ ניט־קלאָר
די ווייַטע סרייפעס, וואָס דעם וואַלד ניט שוינען.
איך שטעל זיך אָפּ און קוק אַרום זיך: יאָ,
א סרייפעז און — באַ אונדז! כ׳בין גרייט צו שטוינען...
מיט אומרו כ׳טו אַ צי די לייצעס: וויאָ!
ס׳דערטראָגט זיך פון די הייכן, ניט פאַרשטענדלעך,
פונקט ווי אַ רעגן עמעצס שעפּטשערײַ,
אַ גלײַכגילטיקס צו דעם, וואָס ס׳טוט זיך, ענדלעך,
און וואָס איז שרעקלעך נאָענט, שרעקלעך נײַ.

27 יון 1917

* * *

דער פויגל האָט אַ נעסט, אַ נאָרע האָט דער בער,
כ׳וועל צושפּאַרן דעם קאָפּ אין וואָסערע מעקוימעס?
פונדר׳היים איך בין אוועק, און ס׳איז געוועזן מיר שווער,
איצט שלינג איך שוין דעם רויך פון פרעמדלענדישע קוימענס.

דער פויגל צוויטשערט שטיל, די כײַע קראַצט די פעל,
און אין דער פרעמד איך האָב דעם שלאָף מײַנעם געדונגען.
איך ציילעם זיך און טרעט אַריבער אָט די שוועל,
און כ׳ווייס ניט, וועלכע לופט עס שלינגען מײַנע לונגען.

25 יון 1922

* * *

איך וואַרט אַף אַ געפּיל אַ פרישן.
די יוגנט־טרוימען, יונג און רײַך,

זיך שטויסן, ווי א סטאדע הירשן
באם וואסער פון א קאלטן טײַך.

דער שוואכסטער קלאַנג אין וואלד אין גרינעם
דערשרעקט די הירשן, און ס'פארהאלט
דעם אָטעם מײַן געפיל — א סימען,
אז ביימער רוישן אינעם וואלד.

26 אווגוסט 1922

פון דעם נאָווי יעשײַע־בוך

און צונעמען וועט גאָט בא אײַך
דעם וואנדער־שטאָק,
דעם טרונק, דאָס ברויט,
דעם נאָווי און דעם שויפעט,
דעם דייעזאָגער, דעם מאזשגיִעך;
ער וועט בא אײַך אוועקנעמען
דעם דיקדעק־ווייסער, די כאכאָמים,
דעם דארשן און דעם גאבע,
אוועקשטעלן פאר ראָש־האקאָהאָל
א ייִנגל פון ניט רײַפן עלטער;
און קינדער אײַערע וועלן אײַך פירן,
איין פאָלק קעגן דעם אנדערן וועט אופשטיין,
קעדיי באצווינגען עס, ארײַנוואַרפן אין דויכעק;
דעם זאָקן וועט א דארדעק־יונג באליידיקן
און זײַן דער קארפּנקאָפּ עס וועט
א שיק־ייִנגל באם קונדעס, —
און פאלן עס וועט ציִאָן אין זײַן שטויב.
דאָס וואָרט זײַנס און זײַן טועכץ —
א כארפּע דעם אלמעכטיקן.

און ווי אמאָל אין זינדיקן סאָדאָם,
אזוי, מײַן פאָלק,
אף שאנד און אומקום
עס פירן דיך די אונטערפירער דײַנע.

יאנואר 1928

גלוסטעניש

ס'קומט דער האלבטאָג, עס פּויזעט, דרייענדיק זיך טשיקאווע,
איבערן בוים פון וויסן דער סאָטן — אויסגעבויגן און שלאנק.
הערט מיך אויס, עפּשער ווייסט איר, וואָס טאָן עס וועט כאווע
און דער פארפירער דער שלאנג.

כאווע שיין איז און איימעס מאָוועס — דער סאָטן.
לעבן כאוועןן עס ליגן דער לייב און דער אינד.
שטילערהייט נעמט די פאווע די פּירע, וואָס איז פארבאָטן,
טראָגט זי אָפּ צו דער יונגפרוי, וואָס ציט זיך פארשעמט צו דער זינד.

1952

מיכאיל קוזמין (1872 — 1936)

* * *

די אָדליגע וועט קיינעם ניט פארשאטן:
א לעצטע קעלט, און ערשטע וואַרעמקײַט,
עס האווקען הינט, סע בלאָזט דער ווינט פארשײַט,
און אפן פלאַץ מארשירן די סאָלדאטן.

דער שניי אף דעכער נעמט זיך שוין ניט איבער,
וואָס אינדערהייך קיין פוס אים ניט באטרעט.
ער רינט אראָפּ, און ס'טרינקט די ערד צו זעט,
און אין די הייפלעך ווערן פול די גריבער.

די וועסנע זאָגט אונדז צו א גאנג א נייעם,
איך וואַרט אף איר שוין זייער לאנג, און אָט
באוויַיזט זי זיך און שטעלט ארויס א רייַע
און פרעגט א קאַשע אײדער טאָן א טראָט.

און ווען איך ענטפער, זי פארשטייט מייַן שפּראך,
און איך בין גליקלעך מיט איר יונגער פּראכט.

1917—1916

* * *

שווימט די שיף אָן א צוים אין דעם פרייִלעכן יאם
און די וועסנע איז יונג, און זי שיפּלט זיך סטאם,
ווי א שטיפער, וואָס ווייסט ניט קיין גרענעץ.
פון דער זון איז די שיף פול מיט שמייכלען, מיט גלאנץ,
און עס הודיעט אין איר אונדזער יאבלאָטשקאָ־טאנץ,
און ס'צעוויגט זי א מעכטיקער עמעצער.

כ'האָב פארגעסן, אף וועלכער וועלט איך בין,
דאָרט, באם ברעג, האָט דאָס לעבן אוואדע א זין —
ס'איז פאראן, ווער פון דעם זאָל געניסן.
דאָרט עס באָדן קונדייסים טאבונען פערד,
און וואָס בילעכער איז — דער יאם צי די ערד,
ערגוואָרט, כ'הייב ניט אָן צו וויסן...

1920

וואלערי בריוסאָוו (1873 — 1924)

ייִדישע טעכטער

גערעטענע טעכטער פֿון ייִדישן שיוועט,
איך טראכט וועגן אײַך מיט א ציטער אין הארץ.
די צעפּ האָט געשענקט אײַך פֿון ביבל די שיינהייט,
און טיף זײַנען אײַערע אויגן און שווארץ.

אין ווארשע, אין ירושאָלאַיִם ד׳ליטא
געגאנגען כ׳בין קוקן אַף אײַער געשטאלט.
איר זײַט אזוי טײַער, אז גאָט זאָל אײַך היטן,
די שיינקײַט פֿארהיטן בא יונג און בא אלט.

פֿון ייִדישן שיוועט געראָטענע טעכטער,
ווי פֿילט איר זיך איצטער אין רוסישן פראָסט?
איך האָב ניט אזעלכע געקליבענע ווערטער,
וואָס זאָלן גענוג זײַן צו לויבן אײַך פראָסט.

אווגוסט 1914

ארבעט

דאָס גרעסטע גליק איז די ארבעט.
ביז שפּעט אין דער נאכט — פֿון גאנצפֿרי,
פֿון ערשטן גע׳דעך ביזן שטארבן
דער מענטש איז פֿארטאָן אין זײַן מי.

ער גייט מיטן סערפּ, נאָכן אקער
געבויגן — פֿון גרוי און ביז גרוי.
ניטאָ קיין באלכײַ פֿון אים שטארקער,

ער קלײַבט אינעם גראָז צונויף טאקע
דעם אויצער פון דימענטן־טוי.

דער מענטש שטייט פארקאטשעט די ארבל
ביז שפּעט אין דער נאכט — פון גאנצפרי.
די גרעסטע פרייד איז די ארבעט,
פון מוסקולן הארטע די מי.

18 סעפּטעמבער 1917

* * *

איך בין געוואקסן אין א סמוטנער צײַט,
ווען טויב און שטום די וועלט געווען איז טאָמיד,
ווען אלדאָס גוטס קומט אָן ווי פון דער זײַט,
ווען אלדאָס שלעכטס איז דאָ שוין, פול מיט אומעט.

עס האָט א ווײַטער אָפּהילך זיך געהערט
פון דונערס ווײַטע אין דעם טהאָם פון צײַטן,
איך האָב געשפּירט, ווי ס'טרייסלט זיך די ערד
און ס'קראכט דאָס אײַז פאמעלעך אינדערווײַטן.

איך האָב געטראכט, צי מיר איז נאָך באשערט
דעם הימל זען אין זײַן באלעבטן ציטער,
זען, אז מיט ווינט עס פרוכפּערט זיך די ערד
און די נאטור איז שוואנגער מיט געוויטער.

דאָס פינפטע יאָר האָט רופנדיק געשאלט,
געזוכט אן אויסוועג, שוין צו גרונט געגאנגען,
ווען דער אָקטיאבער האָט פארביטן דעם פעוואל
און איבער אונדז דער גוירל איז געהאנגען.

1920

מאקסימיליאן וואָלאָשין (1877 — 1932)

בירגערקריג

ארויס פון קעלערס און פון ליקן,
פון טורמעס, אומגליקן און כשאַד,
פון ענגע שאכטעס און פאבריקן —
און דאָס געוועזן עס איז איין צאַד.

דער צווייטער צאד — פון דער אימפעריע
ארויס, די וואָרצלען אָפּגעהאקט,
אַרײַנגעטאָן אין ראנגלען שווערע,
ארויסגעוואָרפן אפן טראקט.

סײַ די, סײַ יענע, פול מיט סינע,
זיי שלאָגן זיך פאר דער מעדינע.
...איך שטיי געקניט אין ווינד־און־ווײ:
אָ, גרויסער גאָט, זײַ מויכל זיי.

22 נאָיאבער 1919

אין אָנדענק פון אלעקסאנדער בלאָקן און ניקאָלײַ גומיליאָוון

דער פּאָעט אין רוסלאנד ווערט געלעסטערט.
אָן א שולד מע טרײַבט מיט שאנד און שפּאָט
פּושקינען צו דעם באַריער דעם לעצטן,
דאָסטאָיעווסקין צו דעם עשאפאָט.

רוסלאנד, וואָס דו הארגעסט ס'אייגן קינד!
איך אַף מיר עס ווארט אזא מין גורל:

אין דער טורמע שטאַרבן פֿון די גרוילן,
זײַן צעריסן פֿון די בײזע הינט.

אָבער בלײַבן כ׳וועל אױף דײַן גאַלגאָפּע,
בײַ די קוואַרים הײמישע כ׳וועל זײַן,
און צו דיר דאָס האַרץ וועט בלײַבן אָפֿן,
כאָטש דו נעמסט אוועק בײַ מיר די שײַן.

12 יאַנואַר 1922

אַלעקסאַנדער בלאָק (1921 — 1880)

רוסלאַנד. «Возмездие»

ווי אין די שענסטע צײַטן, איצטער
דרײַ שלײַעס רײַבן זיך אין ווינט
און ס׳הריזנען ספּיצעס אויסגעשניצטע
דאָרט, וווּ דער גוטער וועג פֿאַרשווינדט...

ראַסײע, אָרעמע ראַסײע,
ס׳איז ווי אַן ערשטע ליבע־טרער
פֿאַר מיר דײַן דערפֿל צווישן שנײען,
דײַן ליד פֿאַרשײַטע, וואָס איך הער!

צו דיר איך קאָן ניט ווײך און שוואַך זײַן,
מײַן שווערן אָל איך טראָג אַלײן...
קלײַב אויס פֿאַר זיך אַלײן אַן אַכזער
און גיב אים אָפּ דײַן ווילדן חן!

און זאָל ער אָפּנאַרן, פֿאַרנאַרן,
ס׳וועט דיך ניט טרעפֿן אומגעריכט,

פאַרנעפּלען דאַן עס וועט מיט צאַר נאַר
דײַן אויסגעשטערנטן געזיכט...

אײַנגאַנצן מער מיט איין זאַבאַטע,
דאָס האַרץ מיט נאָך איין טרער פאַרקלעמט.
נאַר דו — אין וואַלד און פעלד געראָטן,
פאַרוקט דאָס טיכל ביז דער ברעם...

און דאָס ניט מעגלעכע וועט קומען.
דער וועג וועט גרינג און גלאַט צוריק,
ווען ס'טוט אַ גלאַנץ צו די אַרומען
פון אונטער טיכל שנעל דער בליק,
ווען ס'קלינגט מיט אײַנזאַמקײַט און אומעט
די שווערע ליד פונעם יאַמשטשיק!..

18 אָקטיאַבער 1908

די שטראָף

אַרײַנפיר צום צווייטן קאַפּיטל

1

אין יענע יאָרן, ווײַטע, טויבע,
געוועז אַ כוישעך דורכאַנאַנד.
פּאָבעדאָנאָסצעוו האָט פאַרהויבן
די סאָווע־פליגל אויף דעם לאַנד.
די נאַכט האָט זיך ביז נאַכט געצויגן
אין שאָטן פון די פליגל צוויי;
פּאָבעדאָנאָסצעוו האָט ראַסיי
אַרײַנגעקוקט טיף אין די אויגן,

ווי א מעכאשעף, פרעמד און שטאר;
א שטילינק מײַסעלע פארשלעפערט —
ס'איז ווילטיק קלומערשט, רו און שעפע,
און ס'וויל ראסיי שוין שלאָפן שטארק.
זי קאָן פארשלאָפן אירע טרוימען...
נאָר ס'האָט דער יאָך קיין שליטע ניט
אף איר געזונט, אף איר געמיט:
כאָטש דער מעכאשעף טוט זי צוימען,
אין איר עס יוירט א קראפט אזא,
וואָס אָפגעצוימט איז פון גערא נגלען
מיט אײַזערנע פארשפיצטע שטאנגען...
ס'האָט דער מעכאשעף מיט אזארט
פון קרײַטעכצער דאָס זיסע רויכל
צעשפרייט, און אויך שוין פון פאָרויס
דאָס פרײַע עטעמען געשטרויכלט,
פארפרעסט נעשאָמעס אינעם פויסט.

2

געוועז איז פעטערבורג נאָך פעסטער
און שטרענגער, גרויזאמער געשטעלט,
כאָטש די נעווא האָט גרינג און שנעל
אין אָט דער שטאָט, אונטער דער פעסטונג
געשטראָמט, אין בלויער שײַן פארהילט.
עס קלינגט די שפיז, ס'וויינען קוראנטן.
די פריצטעס ליובען זיך מיט פראנטן
און פליִען צו די אינדזלען ווילד.
א פערד רופט איבער מיט א פערד זיך
מיט שטיל געלעכטער, קוים מע הערט,
פון פעלץ א שעפטשערײַ דערהערט זיך,
און צעפ צעמישן זיך מיט בערד...

כ׳געדענק: אזוי אויך מיר, מײַן שיינע...
געפלויגן כ׳בין מיט דיר אָן זאָרג,
נאָר... נוץ פון דעם איז, עמעס, ווייניק,
און גליקן נעמט מען דאָ אויף באָרג...

3

די מיזרעכדיקע זון האָט קוים
געקילט מיט שרעק די ערד די הייסע.
אין פעטערבורג האָט אפּן קייסער
געקוקט מיט כניפע דער האמוין...
דעם אוילעם טאקע איז געפעלן
זיך שטופּן בא די טירן. דאָרט
די קוטשערס זוכן זיך אַן אָרט,
וושאנדארמען הייסן די פאנעלן
באפרײַען... עמעץ שרײַט „הורא״
סײַ הויך, סײַ שנײַדיק, סײַ געשווינד.
דער צאר — א הויכער גלאָמפּ אזא —
פארלאָזט דעם הויף מיט זײַן געזינד.
דער פרילינג — לאָמיר זען, וואָס קאָן ער!
כאָטש אָנהייב מארט דערווײַל נאָך שטייט,
דער שניי אויף דעכער שוין צעגייט
און ס׳קאפּעט מיר ארײַן אין קאָלנער,
די פּלייצע כאַפּט א ציטער באלד.
די ווינטן בושעווען ווי שיקערע.
„אזוי צו לעבן עס איז פריקרע״ —
איך בורטשע. ס׳איז מיר נאס און קאלט.
אָט איז א טיטשקע הינט א היפּשע,
פון איר אַן אָנגעלאָפן ווערט גלאַט.
פארבײַ די הויפן כ׳גיי. עס איפּעשט.
א „פירשט״ זיך פעסטעט: „מײַן כא־לאט!״

כ׳וואָלט דעם פארבײַגייער דעם שטילן
א שפּײַ אין פּאָנעם אָפּגעשיקט,
ווען כ׳וואָלט בא אים דעם זעלבן ווילן
ניט דורכגעלייענט אין דעם בליק.

4

די שטאָט ווערט גיך אין שלאָף פארזונקען
אין כוידעש מײַ, ווען ס׳קומט די נאכט.
דער מוילעד אין זײַן גאנצער פּראכט
גייט אוף בא הימל־ברעגן טונקלע.
און, אין געהיימניסן פארטאָן,
ער קוקט צו זון־אופגאנגן ווײַטע.
מיט וואָסער מיין, אָ שטאָט פארשײַטע,
האָסטו א שפּאן געטאָן צום טהאָם?
געדענקסט: ווען אין א נאכט א ווײַסער
דו וואָלסט ארויס אהין, ווו מיד
עס שטייט דער ספינקס אף זײַן גראניט
און קוקט ארײַן אין טיפן וואסער, —
וואָלסט הערן דאן געקאָנט: צו אונדז,
גלײַך ווי פון יאם, א רויש זיך נע׳נטערט
(מע הערט אים ניט אין שטילע לענדער
און ס׳פּאַסלט גאָט אזא־אָ קונץ)...
זעסט זייער ווײַט, ווי יענער מאלעך
אף דעם באגילדטן ; ьתותחש און אַט
(עס גלייבט זיך ניט) א וונדער־פלאָט —
די שיפן האלטן דעם מעהאלעך —
איז שנעל ארײַן אין דער נעווא...
אליין דער גרויסער פּיאָטער מיט גלויבן —
ער שטייט אף זײַן פרעגאט דערהויבן...
געוועזן א זעונג איז אזא...

זאָג, רוסלאַנד, וועלכע טרוימען דרייסטע
און שטורעמס זײַנען דיר באַשערט?
עס כאַלעמען ניט די אַמייִנסטע
באַטריבטע מענטשן אױף דער ערד...
אין אַט דער רעגע, פֿול מיט װוּנדער,
ס'פּאַלק אפֿן פּלאַץ איז ניט אַרויס.
באַוויזן זיך, און גלײַך פֿאַרשוווּנדן,
האָט אַ פֿאַרליבטער באָכער בלויז...
נאָר אין דעם שטראָם אַרום די שיפֿן
דער טאָג, וואָס קומט, האָט שוין געגלאַנצט.
די ווימפּלען דרעמלען איבער טיפֿן,
אָבער דער ווינט — ער שפּילט און טאַנצט
מיט זיי. ס'איז בלוטיק־רויט דער סימען
פֿון זון־אויפֿגאַנג, און כ'וויים דערפֿאַר:
ער דראָט שוין מיט אַרטור, צוסימע,
מיט נײַנטן דראָט ער שוין יאַנוואַר...

מאַרט, 1911

* * *

אָ, לעבן וויל איך אָן אַ צוים:
פֿאַרייביקן אַלץ, וואָס איז טאָכיק,
פֿאַרמענטשלעכן — וואָס מענטש איז נאָך ניט,
פֿאַרקערפּערן דאָס, וואָס איז טרוים!

אַלץ ווערט דערשטיקט, וואָס קלוג און איידל,
נאָר איך דעם גלויבן ניט פֿאַרליר.
קאָן זײַן, אַ יונגער מענטש אין פֿריידן
אַמאָל וועט זאָגן וועגן מיר:

די מאַרעשכוירע זײַט אים מוחל.
צו דעם זײַן הארץ איז דען געריכט?
ער — א באלטויווע און באלסייכל,
ער — פון דער פרײַהײַט א שאַלי׳ך!

5 פעווראל 1914

אין געטאָ

א שפראָץ אף טאָג, ווען אין דעם שטילן וועטער
איר קאלע־קלייד מעסט אָן אף זיך די וועלט
און דורך די מיזרעך־טויערן איך שטעל
דעם ערשטן טראָט אין קישעף פון דער געטאָ,

דאן צו דעם מיידל לאָז איך זיך אנטקעגן
און אויסגעצויגן כ׳האלט די הענט צו איר
און שאָלעמדיקע ווערטער אָן א שיר
כ׳בין גרייט איר זאָגן ווירדיק און באשיידן.

די ווערטער אירע זײַנען ווי א מיזמער
און שענער פון דעם שטערן אפן מיזרעך.

זי דעקט זיך צו מיט זיי ווי מיט א שירעם.
ניט הערנדיק די קלאנגען פון איר ליד,
די ווערטער שעפטשעט שטיל פון "שיר השירים"
א יונגער זינגער, א פארליבטער ייד.

1915

סקיפּן[1]

פּאַנמאָנגאָליזם! כאָטש ווילד דער נאָמען,
נאָר מיר געפעלט ער זייער שטאַרק.

(וולאַדימיר סאָלאָוויאָוו)

מיליאָנען — איר. מיר — כּוישעך אָן א שיר.
דעם רוקן טוט א פּרוּוו אונדז בויגן!
יאָ, סקיפּן — מיר! יאָ, אזיאַטן — מיר
מיט שמאָלע, זשעדנע אויגן.

אײַך — א יאָרהונדערט גיי, אונדז — גיי און ניט פאַרגיי.
פּונקט ווי כאָלאָפּן, הונגעריק, געשוואָלן,
מיר שטייען צווישן אָט די ראַסעס צוויי:
אייראָפּע און מאָנגאָלן.

יאָרהונדערטער אײַער קאָוואַדלע האָט געשמידט,
פאַרטויבט פון דונערס די לאַווינע.
די ערד האָט זיך געוויגט, ווי דאַן אונטער די טריט
אין ליסאַבאָן און אין מעסינע![2]

דער מיזרעך האָט געצויגן אײַך אָן פּלאַג,
די אוצרעס אונדזערע, זיי קאָנען דען פאַרשאַטן?
און אָנגערופן האָט איר אַלעמאָל דעם טאָג
ווען אָנצילן איר וועט אַף אונדז האַרמאַטן.

---

1 סקיפּן — א קריגעריש פאָלק, וואָס האָט אין III — VII יה. ביז אונדזער ערע געוואַנדערט איבער די בײַ־שוואַרציאַמישע סטעפּעס. וולאַדימיר סאָלאָוויאָווס אידיי פון פּאַנמאָנגאָליזם זעט פאָויס אן אומפאַרמײַדלעכן צוזאַמענשטויס פונעם אייראָפּעישן מײַרעוו מיט דעם אזיאַטישן מיזרעך. אַלעקסאַנדער בלאָק טראַנספּאָרטירט די דאָזיקע רעאַקציאָנערע אידיי אַף אזא אויפן, אז דאָס נײַע רולאַנד איז קעגנגעשטעלט דער "אַלטער וועלט" פונעם מײַרעוו, וועלכע זאַמלט צונויף א קרייץ־צוג קעגן רוסלאַנד.

2 צוויי מאָל, אין XIV און אין XVIII יאָרהונדערט איז ליסאַבאָן צעשטערט געוואָרן ביזן גרונט פון אן ערדציטערניש. אין 1908 האָט דער זעלבער גורל געטראָפן די דאָרעם־איטאַליענישע שטאָט מעסינע.

מיט פליגל קלאַפּט אַצינד דער ווינד־און־ווײ,[1]
און קומען וועט דער טאָג, ווען בלײַבן וועט בלויז שנײ
פון פּעקטונגען פון אײַערע, קאָן טרעפן.

אָ, אַלטע וועלט! קאַלוזמאַן דײַן כאַלעם שפּינסט
און זיס עס איז דערווײַל דיר יעדע ווײַלע, —
ווי גאָר אַמאָל עדיפּ, שטעל אָפּ זיך לעם דעם ספּינקס,
ניט וויסנדיק קײן ענטפער אויף דער שײַלע.

דער ספּינקס איז רוסלאַנד. פּײַערדיק און שווער,
מיט בלוט מיט שוואַרצן און מיט גאַל מיט גרינער
קוקט רוסלאַנד דאָס אַהין און דאָס אַהער,
צו דיר מיט ליבע און מיט סינע.

יאָ, אַזאַ בלוט, ווי אונדזערס, באַ אײַך פעלט
און אַזאַ ליבע אײַך איז ניט געגעבן.
איר ווייסט ניט פון אַ ליבע אין דער וועלט,
וואָס ברענט און בריט און לאָזט ניט לעבן.

ס'איז אונדזער ליבע ווי אַ וואַסערפאַל,
מיט פראָסטן מיין, מיט סוידעסדיקן טאַמציס.
רעד צאַרטע ווערטער, זיסלעכער פראַנצויז,
וואָס רופט זיך גאַל,
אידיעקעווע זיך, גראַבער־יונג פון די גערמאַנצעס!

מיר זײַנען מיט פּאַריזשער שײנקײַט זאַט,
מיר נעמען באַ ווענעציע דעם שיגאָען,
פון ווײַטן ציטרוס־סאַד דעם אַראָמאַט,
דעם רויך פון שטעט, וואָס ליגן אינדערנאָענט.

מיר זאָגן: ס'איז דעם מענטשנס קערפּער שײן,
באַם קערפּער פונעם באַרמינען די שײנקײַט קנאַפּ איז.

1 „מיט פליגל קלאַפּט דער ווינד־און־ווי", (крылами бьет беда.) — אַן אויסדרוק, וואָס איז גענומען פונעם „געזאַנג וועגן איגאָרס חיל".

זײַט מויכל, נאָר עס וועט אײַער געביין
בא אונדז זיך קאָרטשען אין די איידלע לאפּעס.

דאַן, ווען מיר ציִען אָן די לייצעס שטאַרק,
דערשפּירן אונדזער קויך די קלוגע סוסים,
און יעדערער פון זיי היט אָפּ זײַן קאַרק,
די זײַטן זײַנע פון די רײַטער־רוסן.

נו, קומט צו אונדז! נאָך גרוילן פונעם קריג
מיר נעמען אײַך ארום מיט פריִדן ווידער!
קאַלזמאַן עס איז ניט שפּעט, די שווערד — צוריק,
כאווירים! לאָמיר ווערן ברידער!

און טאָמער ניט — דער צווייטער וועג איז לײַכט,
ניט מיינט, אז ברעכן די היסכײַוועסן מע טאָר שוין.
עפּאָכעס איצטיקע, עס ווען שעלטן אײַך
די קראַנקע קומענדיקע יאָרשים!

מיר וועלן ברייט דעם ווילדן סטעפּ, דעם וואלד
צעעפענען פאַר אײַך, אייראָפּעס אָרדעס.
אַן אויגנבליק גייט דורך, און מיר באַווײַזן באַלד
פון אזיִאַטן גרויזאַמע די מאָרדעס!

קומט אַלע שנעל צו אונדז אפן אוראַל!
מיר טרעטן אָפּ די פרײַע בערג און טאָלן
פאַר די מאשינען מיטן אינטעגראַל,
וואָס וועלן שלאָגן זיך מיט די מאָנגאָלן.

און מיר אליין פאַרשטעלן וועלן ניט
מיט אונדזער ברוסט אײַך פון דעם פײַל־און־בויגן,
מיר וועלן קוקן, וויאַזוי זי פליט,
די פײַל — זי זען מיט שמאָלע, קאָסע אויגן.

דעם בלוטדורשטיקן גוף אף פרעמדער ערד
ניט שטערן וועלן מיר צו טאָן זײַן גאזלאָוואַיע,

װען האלטן װעט ער אין א טעמפּל זײַנע פערד
און, פרעגלענדיק די װײַסע מענטשן, װאַיען!

דאָס לעצטע מאָל איך װאָרן, אלטע װעלט!
כ׳בין פרײַנטלעך דיך צו מי און שאָלעם פירן.
דאָס לעצטע מאָל אין װארעמען געצעלט
רופט אלעמען צונויף די בארבארישע לירע!

1918

אנדריי בעלי (1880 — 1934)

באם פענצטער פונעם װאגאָן

שלעפּט דער צוג איבער הײמישע װײַטן
טעלעגראפישע דראָטן מיט קױ׳ך.
פעלדער פליִען אין אלע פיר זײַטן,
אין דעם פעלד כ׳װער דערשטיקט פונעם רויך.

פלי איך װײַטער און נאָכאמאָל — װײַטער,
פארבײַ זומפּן, װוּ ס׳טליִעט דער טאָרף,
ס׳פליִען דורעך א סטויג און א שײַטער,
ס׳פליִען דורעך א דאָרף נאָך א דאָרף,

א קאבאק און א קינד און א צװינטער,
און דאָס קינד דרעמלט שטיל בא דער ברוסט.
סטײַעס שטיבעלעך פליִען געשװינדער,
סטײַעס מענטשן אין פעלד, װוּ ס׳איז פּוסט.

מאמע רוסלאנד! הער אויס מײַנע לידער,
לאָז מיך אויסזינגען, מאמע, מײַן גרויל.

פון דעם רעדער־גערודער א מידע,
ועסטו הערן דאָס וואָרט פון מײַן מויל —

ועגן היימישע ראכוועסן גרויע,
טעלעגראפישע דראָטן אין פעלד,
וו! אן איינזאמע ועלפיכע וואָיעט
אף דעם צוג, אף דער נאכט, אף דער וועלט.

אווגוסט 1908

א דערמאָנונג

דער הויף איז פול מיט הורבעס שניי,
ער ציטערט אוף ווי פון א באסקאָל.
אין ווײַסער אָפשײַן זײַנען שיין
די אָפגעדעקטע ברוינע אקסל.

דו שטייסט פארטראכט בא דער פאָרטיער,
אין לײַכטע קרוזשעווע פארוויקלט.
מיט כיישעק קוקט א קאוואלער
אף דײַנע פיס פון ווײַסן ווינקל.

א גלעזל טיי ברענגט דער לאקיי.
אפן קלאוויר שפילט עמעץ ליסטן.
געוואָרפן האָסטו — קאלט, ווי שניי —
א בליק אף מיר. גיין, ניט אומיסטן.

און ס'איז די שטוב געוואָרן ענג,
און ס'האָט דער שניי צעלאכט זיך פרעכטיק,
אָבער, אוי־ווי, דײַן מאן איז שטרענג,
ער טוט א צופ דעם וואָנץ פארדעכטיק.

סענטיאבער 1908

צום היימלאנד

פארצווייפלטע ווילדע סטיכייע
מיט דונערשן פײַער באגלייט,
ראסייע, ראסייע, ראסייע —
פארברען מיך מעשוגענערהייט.

אין גוירלדיקער יערידע,
אין טיפעניש פון דײַן שלאָף
עס שפינען די גײַסטער מידע
כאלוימעס אָן ענד און אָן סאָף.

ניט ווײַנט. אף די קני, אָן געראנגלען
באוואונדערט דעם פײַערשן ברעג.
נעמט אוף פון גאניידן די קלאנגען
אין שטראָם פון די קאָסמישע טעג!

פון שאנד אלע פוסטע מידבאָריעס,
די יאמען, וואָס זײַנען נאָך קאלט,
די טרערן פון געוואלט און פון צאָרעס
דערווארעמען קריסטוס וועט באלד.

אין הימל די רינגען סאטורנס,
פון מילכוועג דעם זילבערנעם שטויב,
פארוויגן ער וועט מיט די שטורעמס,
מיט וועלכע די ערד ווערט פארטויבט.

און דו, אויסגעטרוימטע סטיכייע,
פארברען מיך מעשוגענערהייט —
ראסייע, ראסייע, ראסייע,
מאָשיִעך פון קינפטיקער פרייד.

1917

סערגיי גאָראָדעצקי (1884 — 1967)

נאכט

אַט די נאכט א בענקשאפט שפרייט.
אלע מענטשן זאלבעצווייט
קערן היימט אהיים זיך אום,
איך — אליין נאָר,
מיד און שטום.

איך צעוויקל יענעם קנויל,
וועלכער רופט ארויס א גרויל,
ווען כ׳דערמאָן זיך אין דער היים,
ווו געלעבט איך האָב געמיין.

איצט פאריכטן איז שוין שפעט,
בייטן עפעס קיינער וועט.
בלויז א דינע פאוועטינע
האלט מיך אָפּ פון ווילדער סינע.

אינעם סאָד בא מיינע שכיינים
כ׳גיי ארום און טרעף ניט קיינעם,
עמעץ עמעצן רעדט איין
אנצינדן אין שטוב די שיין.

ס׳לעבן פאָרלעך אין דער נעסט,
זייער פלאפלען איך פארגעס,
נאָר דעם טאָך איך כאזער איבער:
טייערער... באשערטער... ליבער...

1917

אין שטאָט גייט אוף די זון

א טראַנספּאַראַנט זאָגט אָן צעשײַנט:
עס איז די וועלט א טורמע היינט.
די שילדן מעלדן
ניט פֿאַרשטעלט:
א שאַנד־הײַזל עס איז די וועלט.
און דאָך מע קאָן אין פֿעלד, אין וואַלד
א גוטן כאַלעם קויפֿן באַלד.
אָבער די פֿרײַהײַט אין דער שטאָט
מע האָט געלאָזט אַף גאָטס באַראָט.
פֿון שטאָט געקומענע ניט סטאַם,
די שיפֿן זינקען אינעם יאַם.
אויך דאָרטן טומלען שוין באַנײַס
אַף פֿלעצער אופֿגעוועקטע נײַס.
עס מעלדעט זיך מיט ווײ און קלאָג
דער צופֿלוס פֿון א נײַעם טאָג.
צום האָריזאָנט, אין ווילדן עק
שווימט אָפּ די פֿינצטערניש מיט שרעק.
און אַף א כוואַליע, בלוי און גרין,
באַווײַזט זיך ליכטיק דער באַגין,
מיט פֿענער, ווי מיט פֿײַער־פֿלאַם,
פֿאַרוואַרפֿט די פֿלעצער פֿון דעם יאַם,
און פֿונקט ווי א טריבון אין שטאָט,
וואָס רעדט מיט פֿײַער און מיט שפּאָט
און רופֿט אַרויס באַם אוילעם מוט,
די זון באַוואַשט זיך דאָרט מיט בלוט.

1919

ניקאָלײַ קליויעוו (1884 — 1937)

* * *

װען ס'שיטן זיך אָפּ די קרױנען
און ליפּעס באַפּוצן זיך שױן, —
דער האַרבסט קומט דאַן אָן װי א קױנע,
װאָס צאָלט דעם פּאַרקױפער זײַן לױן.

אַזױװי די בײַכער באַ פרױען —
די האָרטינקע היפּטלעך קרױט.
אין גאָרטן די הינער זיך ראַיען,
געפינען א דורכגאַנג אין פּלױט.

מיר רופן די צײַט בא דעם נאָמען
און זעען פונדאַנען דעם ברעג,
די סטעזשקע אין דער נעשאָמע
און אינעם גורל דעם װעג.

עס װײַקט זיך דער האַרבסטיקער װעטער,
די כאַטקע דעם זײדנס איז קלײן,
און ס'פאַלן, עס פאַלן די בלעטער
אַזױװי מיט עפּעס א מײן.

אין װאַלד הײבט זיך אױף א געליאַרעם,
פון רײַכעס עס דרײט זיך דער קאָפּ.
דאָס האַרץ מײַנס װאָלט איצטער דערװאַרעמט
דער פלאַם פון א מײדלס צאָפּ.

1929 — 1932

* * *

אין גאניידן, אונטער דעם אייץ האדאס
האָט דיר א פייגעלע די ערשטע ליד פארפאסט.
שפּעטער האָט דערהערט די ליד דער מיילעך דאָוויד
און אף גוסליעס נאָכגעמאכט א קרעכץ מיט קאָוועד.
ס'האָט דער טאָל געקוילערט זי מיט שטײַפע מײַלער
און מיט קושן ס'ריטשקעלע איז פול געווען אף מײַלן.
האָסט געזען אונטערן פײַגנבוים כאלוימעס קלוגע
און זיך אופגעכאפּט אין רוסלאנד לעם קאלוגע.
אויסגעווישט די אייגעלעך זיך מיטן ארבל פריילעך,
און מיר די גוסליעס הערן ניט פון דאָוויד האמיילעך.
זאָג אונדז, זאָג אונדז, שוועסטערקע, נאָך ווען בעיעכידעס
וועסטו אינעם קלויסטער פּראווען פּאניכידעס?
ענטפערט אונדז ליובאשע, שעפּטשענדיק געהיים —
דאָס איז אונדזער רוסישע דאָליע אינדערהיים:
דער קאָפּ — אף א דרענגל,
אף די צעפּ זיך הענגען,
דאָס פינגערל דער אָזערע שענקען.
אָמיין.

1931

וואסילי קאמענסקי (1884 — 1941)

באָרוועסע מיידלעך

באָרוועסע מיידלעך —
מײַנע לידער,
סטײַעס אף דער פרײַ.

בא יעדערער
א גאָלדענער קרוג אפן אקסל.
טשערקעשענקעס
אין דאריאלער טאָל,
בא די שטיינער פונעם טערעק.

באָרוועסע מיידלעך,
דאָרפישע,
שעפּן וואסער
(אף די עמערס און קאָראָמיסלעך
אָנגעמאָלטע קוויטן).
זיי שעפּן פון דער וואָלגע,
פּארקוקנדיק זיך
אף פארבייַגייענדיקע שיפן.

באָרוועסע מיידלעך,
ברוינלייַביקע פון דער זון
באם אופקלייַבן רייַז —
טעכטער פון אינדיִע
מיט בייגעוודיקע קערפּערס,
מיט טיגער־אויגן,
ענלעכע אף הויכע געוויקסן,
וועלכע בייגן זיך פונעם ווינט.

באָרוועסע מיידלעך,
לידער מייַנע,
איבערקלאנגעוודיקע —
פון הארץ צו הארץ.

באָרוועסע מיידלעך,
אומעטפילנדיקע, זון־אופגאנגלעכע,

אופגעשטאנענע פון שלאָף
צוליב ליבע און לאסקעס.

באָרוועסע מיידלעך,
ווי צאַפּנדיקע הימל־בלענדקײַט,
די קרוין
פון מײַן איינזאמקײַט.

אלע מיידלעך זײַנען באָרוועסע
אין דער גאנצער וועלט,
אלע — געליבטע קאלעס מײַנע.

1917 — 1916

סטעפאן ראזין

(פון דער פּאָעמע)

מיט ווינט פון דעם יאם
זײַנען זעגלען פול,
און די שיף טראָגט
א שווערע לאסט.
ניט געוווּסט האָט דער פּערסיאנער,
דער סולטאן אבדול,
ווער צו אים
איז געקומען צוגאסט.
ס'האָבן ווינטן גענישטערט
אהער — אהין,
נאָר דרייסט עס איז אמכאָ
און פרעך.
עס האָט דער סולטאן

ראסייעס זין
אופגענומען
ניט שלעכט.
אינעם פאלאץ,
אזויווי די פאווע מייראן —
א יונגע פרינצעסע,
א פראכט.
געפעלן זי איז
דעם אטאמאן,
ער האָט זי
אזוי פארנארט:
„נאָך גרין אין דײַן סאָד
זײַנען אפעלסינען,
נאָר שטיל, פערסיִאנקע,
איז דײַן קאָל,
און איך איבער דיר
גיי אראָפּ פון זינען,
איך,
וואָס בין שטארקער
פון אײַזן און שטאָל.
בא דײַנע פענצטער
איך בין א טומאן,
א דעמבענער, אָסינאָווער,
גוט בעגילופן.
איך וועל צו דער וואָלגע
דיך ברענגען, מייראן,
די גאנצע דרוזשינע
צום שײַטער פארופן".

אפדערנאכט,
באַ דער אויסגעשטערנטקײַט,
זאָגט מייראָן אים
ווערטער אומשטערבלעכע:
"איַ,
כאל בורא בען.
אבבאס,
סעליאם, סעליאם,
סטעפּאן..."
ס'איז דער באָכער פארכווישעכט,
און דער סולטאַן
ווייסט, וואָס מיט כעוורע
אזעלכע מע טוט —
עפשער א לעק טאָן
אושקונער בלוט?
באם סולטאן זײַנען אָבער
קורץ די הענט,
דער אטאמאן איז אויך ניט
קיין שאָף אין דער סטאדע.
די גאנצע זאך
איז אין דעם געוועגדט,
צי דער פירשט וועט שטיל ווערן
איצטער גראדע.
און אויב ניט, וועט זיך גיסן
בלוט א ריטשקע
און אָפּטרעטן מוזן
עס וועט דער סולטאן,
די לופט וועט זיך טרייסלען:
сарынь на кичку!

באוזײַ דײַן קױער,
אטאמאן!
די שװערדן קלינגען אין אלע װינקלען,
די פּערסיאַנער פינקלען
מיט זילבערנע רינגען.
דאָס בלוט — װי א טעפּיך
באדעקט דעם דיל.
אינמיטן דעם טאַנץ,
בעשאסן זינגען
מײראַן שװימט אװעק אף א שיפל שטיל
מאכט א װארע
מיט דער ליד פון גוסליארעס!

1918

װעלעמיר כלעבניקאָװ (1885 — 1922)

* * *

די פרײַהײַט קומט באָרװעס־נאקעט
און װארפט אפן הארצן א קװײט.
דאָרט, װו ס'געשלעג איז צעפלאקערט,
בין איך מיט איר זאלבעצװײט.
מיר טוען סײַ שטרענג, סײַ זיכער
אין פאנצער א קלאפּ מיט געברום:
זאָל װערן דאָס פאָלק א רעגירער
אף טאָמיד און אומעטום!
און זאָלן די מײדלעך אין שטענדיקן
ארופשטײַגן

זינגען מיט טאָלק
וועגן דער זונס אונטערטעניקן,
זעלבסטהערשערישן פאָלק.

אפּרעל, 1917

* * *

דער וועסנעס גלײַכווערטלעך און שטיפּערײַען
זײַנען דורכגעקראָכן איבער ווינטערדיקע ביכער,
און ווען עס גלוסט זיך וועגן אלצדינג ברײַען,
נעמט אפּן צונג דעם שנײַיקן וויכער.

די באגילדעטע פּילקע מיסטאמע
וועט א קלאפּ טאָן דעם שפּילער אין פּאכווע,
און עס וועט הײַנט די שטיפמוטער־מאמע
ארײַנקריכן ווי א גאָלדענע טשערעפּאכע.

1919

* * *

ס'דויבעט דיביימער און שטילערהייט פּליסט
דאָס וואסער, מיט פלעקן באנעצט.
דער ווינט מאכט דאָס וואסער היימלאָ און וויסט,
פארלאָזן עס שטייט די נעץ.
איבער דעם שווארצן וואסער פּאָכעט
א האנט אף צו רופן, א האנט אף צעשיידן.
ס'יאָוועט אראָפּ זיך א טונקעלער באָכער,
וואָס פירט א מיידל.

סוידעט זיך שטיל אפן טײַך דער סאווער,
און ס׳ציטערט פון קעלט בא דעם וואסערדאָס לײַב,
און עפּעס אײנער א הויכער, א בראווער
שטעלט זיך אוועק און אף אײביק שוין בלײַבט.

1919

* * *

מאָסקווע, דו ביסט — ווער?
דו קערסט זיך אום פונעם פארזײ צי פון דעם שניט?
דו שמידסט די פרײַהײַט,
צי מ׳האָט דיך פארשמידט?
צעשפּרײט אף גרויסע שטעכן,
פאר די פארעטער — א פארעטערן,
דו גײסט מיט וועגן שווערערע,
אלוועלטלעכע פארשווערערן.
א פענצטער ביסט צו נײַע צײַטן
און אָפנס, ווי בא לײַטן.
א כיטרע קאַץ ביסט, א דערפארענע,
האָסט ליב זיך אפן הויזון ווארעמען.
א טאָכטער פון עפּאָכעס אנדערע,
ארופגעקראָכן אף א פאַס מיט דינאמיט,
ביסט פאַרזיכטיק? קום, מאָסקווע, וואנדערן,
נו, גײ אראָפּ און שטעל די ערשטע טריט.

15 דעקאבער 1921

ניט באַלעווען זיך!

היי, סאַכרימלעך מוטערנע
(די מויכעס — קרום),
אָנגעטאָן אין פוגאַטשאָווישע פוטערלעך!

איבער מאָסקווע כ'גיי אום...
און איך — אין די בוידן,
צוויי סוסים געשפּאַנט.
אָנגעפאַרבטע מוידן,
האָטעל "גראַנד".
צי דען האָט קיין בעסערס
ראַסיי ניט פאַרדינט
(מיט דער וועלט — אויף מעסערס,
אַרום ג'אַרום הינט).
דער ציל איז ענדלעך טאַקע
גוט פאַר אַ יאַלד:
בא יעדער הענדלערקע
אוידינגלעך פון גאָלד.

ווען זייַן וועט אַן אַדליגע,
דאָס ווינטעלע — פּריש,
דאַן כ'שווים מיט דער וואָלגע,
מיטן אידטיש.
איך קום קיין סיביר
און טו אַלץ אַפּסנייַ.
ווער מיט מיר
גייט אויף דער פּרייַ?

פעוורואַל 1922

ניקאָלײַ גומיליאָוו (1886 — 1921)

באם קאמין

דער קאמין אין צימער האָט שוין ניט געברענט,
ס'איז א מאן געשטאנען מיט פארלייגטע הענט,
צו דער ווײַט געווענדט דעם פארשטארטן בליק
און גערעדט מיט ווייטיק, פונקט ווי זיך געשטיקט:

״אין דער אומבאוווסטקײַט כ'האָב געטאָן א שפאן,
אכציק טעג געגאנגען איז מײַן קאראוואן.
זיך געפונען טאָמיד אין א הינערפלעט:
בערג און בערג און פרעמדע אָפגעשיידטע שטעט.
פון א שטאָט, פון דאָרטן, פול מיט שטארקן ווײ,
איז צו אונדז דערגאן א שרעקעוודיק געשריי.
וואלגערן דעם וואלד איז ניט קיין קליינע קונץ,
אָפט האָבן געיאָוועט לייבן זיך צו אונדז.
נאָר קיין שרעק האָט קיינער קיינמאָל ניט געפילט,
גלײַך צווישן די אויגן האָבן מיר געצילט.
פינעף גרויסע שוואָטים זײַנען דאָרט געווען,
מײַן געזעץ געהאלטן, ס'לאָשן מײַנס געקענט.
אָפגעגראָבן כ'האָב א טעמפל אינעם זאמד
און דעם טײַך געשענקט מײַן נאָמען ניט געזאמט.
נאָר אצינד כ'בין שוואך, זיך אף אן אָרט שוין לאנג,
די נעשאָמע מײַנע איז געפערלעך קראנק.
ס'האָט ארומגעכאפט מיך אזא פאכעד איצט,
אין פיר ווענט אין מײַנע בין איך ניט באשיצט.
זאָל מיך גאָט ניט שטראָפן פאר אזעלכע רייד,
אייביק אף מײַן הארצן הענגען וועט א קייט...
... .

יעדעס וואָרט דעם מאנס עס האָט געהערט געניי
מיט א בייזן שמייכל — אין דער שטוב א פרוי.

1910

* * *

פון אלע וועלטן אויסגעקליבן
כ'האָב אונדזער טומלדיקע וועלט.
געלעבט איך האָב דאָ אָן פאריבל
און פונעם לעבן אָנגעקוועלט.

ווען אָנפאלן עס פלעג אף מיר
אינמיטנדערין א מאָרעשכוירע,
איך פלעג באוואָרענען זיך פריי'ר
מיט קלוגע שפּרוכן פון דער טוירע.

און אויב געקומען וואָלט אין שלאָף
דאָס ליבע היימלאנד מיר צו כאָלעם,
וואָלט עס געווען אן אדעראָף,
מײַן זעל זיך קייפלען זאָל מיט שאָלעם.

עס איז דאָס קוועלעכל דאָס ריינס
פון דער פארגאנגענהײַט א סימען —
וווהין צו שוימען איז אלציינס,
אויך הינטער וועלכע זעגלען שוימען.

1918

* * *

דאָס גאנצע לעבן!.. מע דרייט זיך, פרייט זיך.
מידבאָריעס, יאמען און גרויסע שטעט.

דעם, וואָס געווען אין לעבן, אייצע איך
זיך ווידער אומקערן, כאָטש ס'איז שוין שפּעט.

עס ברענט א פײַער, ס'הילכן טרובעס,
און מיט די קאַפּיטעס קלאפּן פערד.
מיר וואַרפן זיך אין שנייען־הורבעס,
און ס'איז אונדז גאָרנישט ניט פאַרווערט.

און ווידער, ווידער פרייד און טרערן,
אזויוי טאָמיד, ווי אלעמאָל,
די כוואַליע שטײַגט אוש ביז די שטערן,
און שטעט אין וויסטעניש אָן א צאָל.

נאָר אָט דער מידבער און אָט דער קעמל —
אָ, זאָגט — ווען טרעטן זיי אָפּ ביכלאל
פון מיר, וואָס כאַפּט פאַרנאַכט א דרעמל,
ווי אן אינדוס באַם הייליקן קוואַל?

1918

דער זיקאָרן

דו, זיקאָרן, פירסט דעם טאָג דעם גראָבן,
ווי מע פירט א פערד באַם צײַמל פעסט.
ווען די, וואָס פרײַ'ר געלעבט זיי האָבן
אין מײַן גוף, דערציילן מיר דו ווערסט.
ס'איז געווען דער ערשטער ניט קיין שיינער,
ליב געהאַט דעם שאָטן פונעם וואַלד.
און געוווּסט מע האָט, אז ער בלויז איינער
מיט א וואָרט דעם רעגן־גאָס פאַרהאַלט.

דעם געדיכטן דעמב, דאָס געלע הינטל
האָט ער ליב געהאַט, אין שלאָף געזען.

דו, זיקאָרן, וואָס דו ווילסט פאַרשווינדן,
פרוּוו דערוויַיז, אַז דאָס בין איך געווען.

און דער צווייטער... שטאַרק געווען אַ
זשוואַווער,
קיינמאָל גאָרניט האָט אים ניט געפעלט,
מיט דעם לעבן האָט ער זיך געכאַוועוועט,
און געווען אַ פריַינט איז אים די וועלט.

זאָלט איר וויסן: כ'האָב צו אים אַ טיַינע,
ווען זיך ער האָט צופיל גערעדט,
זיך באַרימט, אַז אין דער שטוב אין מיַינער
טאַקע ער געווען איז דער פּאָעט.

נו, און איך האָב ליב דעם מענטש דעם פריַיען,
וועלכער ווייסט אין וואַנדערונג אַ טאָלק,
קומט אַהין, וווּ וויַיסע מעוועס שריַיען,
וווּ עס לעבט דאָס סאַמע וויַיטסטע פאָלק.

ס'איז געווען געראַם זיַין אָרעם בייַדל,
און די אייזלען האָבן קוי'ך געהאַט,
ניט געוווּסט ער האָט ווי אויסצומיַידן
ווינד־און־וויי, און ס'האָט אים ניט פאַרשאַט.

כ'וויל, אַז דער זיקאָרן זאָל פאַרהיטן,
ווער געוואָרן עס איז היַינט פאַרפידט, —
די געגאַרטע פריַיהייט אויסגעביטן
אויף די שטרענגע שלאַכטן, וואָס מע פירט.

רוען אינעם וועג ער פלעג פאַרשפּאָרן,
איך געוווּסט פון הונגער, דאָרשט און גרויל.
אַ געאָרגי־קאַוואַלער געוואָרן
און פאַרהיט דאָס לעבן פון אַ קויל.

אָט שוין אופגעשטעלט איך האָב מײַן הייכל
אינעם כאשכעס, ווי א זײַל פון ליכט,
נאָר באנעמען כ'קאָן ניט מיטן סייכל,
אז פון פאָלק א טיילכל — דאָס בין איך.

ס'קאָן מײַן הארץ ניט רוען ביז אדהײַעם
און ביז דאן, ווען ווײַזן זיך באנאנד
מיט מײַן שטוב וועט נײַ־יערושאָלאַיִם
אף די פעלדער פון מײַן אייגן לאנד.

דעמלט וועלן ווינטן ווייען קאַלטע
און די שײַן פון הימל שרעקן וועט,
ווײַל פון מיר דער מילכוועג האָט באהאלטן
די פלאנעטעס, וואָס פארגייען שפּעט.

ס'וועקט אין מיר סײַ זיכערקײַט, סײַ טײַנעג
מײַן באגלייטער מיט דער פעסטער שטים,
ווען דעם לייב איך זע אף שפּורן זײַנע
און דעם אָדלער, וועלכער פליט צו אים.

כ'וועל א רוף טאָן... נאָר עס וועט ניט קיינער
מײַן נעשאָמע אויסהיטן אפסנײַ.
ס'ווארפט אראָפּ די הויט א שלאנג געוויינלעך,
דאן עס ווערט דעם שלאנגס נעשאָמע נײַ.

1291

דאָס וואָרט

אינעם טאָג, ווען ביבלישע געשטאלטן
פארן מענטש געמאכט האָבן אן אָרט,

מיט א וואָרט די זון מע פלעג פאַרהאַלטן,
גאַנצע שטעט צעשטערן מיט א וואָרט.

ווען דאָס וואָרט, פּונקט ווי א פאַקעל פײַער
האָט זיך דורכגעטראָגן אינעם רוים,
זײַנען אָדלערס ניט געפלויגן פרײַע,
שטערן — אונדזער ערד באַלויכטן קוים.

און אין טאָל די ציפערן געהיימע
האָבן אופגעקלערט אונדז וועגן אַלץ —
וועגן נעסטן, לאַגאָוועס און הימען,
וועגן וואַסער, וועגן ברויט און זאַלץ.

ס'האָט דער פּאַטריאַרך זײַנע פאַרלאַנגען
אויסגעזאָגט דער מענטשהײַט אומגעזאַמט,
ניט געוואַגט זיך דורכריידן מיט קלאַנגען —
דאַן געצייכנט ציפערן אין זאַמד.

אָט אזוי דעם טאָך מע האָט פאַרשטאַנען
ווו מיט ערנסטקײַט און ווו מיט שפּאַס.
דער עוואַנגעליום פון איאָאַנען
האָט געזאָגט: א ציפער — דאָס איז גאָט.

לאָמיר אַלע האָבן עס אין זינען
און מיט ווירדע צוגיין צום באַריער.
ווערטער פּוסטע שמעקן שלעכט ווי בינען,
ווען קיין האָניק ברענגען זיי ניט מער.

1921

וולאדיסלאוו כאַדאסעוויטש (1939 — 1886)

דער מאמע ראָכלס טרערן

ווייל צו אונדזער ערד דער זינדיקער.
ס'גלאנצן אין דער נאכט די נאסע שויבן.
לאָמיר גיין איבער דער גאס באזיניקטע,
פון דער אויסגעשטערנטקייט דערהויבן.

יאָ, מיר זיינען היימלאָזע און מידע,
פונקט ווי אָן א נעסט די שוואכע שטאָרכן.
און די רעגנס אונדז דערמאָנען ווידער,
אז געוויינט עס האָט די מאמע ראָכל.

ס'איז אזוי שוין איינגעפירט, אז יאָרשים
וועגן אָוועס אונדז דערציילן מייסעס,
אָבער מיר אונטערן יאָך זיך קאָרטשען,
קוקנדיק אף קאליקעס און מייסים.

יאָ, עס טרעפט, אז טעג זיינען געמיינע,
ווען מיר קרעכצן אונטער לאסטן שווערע,
פון די אויגן בא אָט דער־אָ זקינע
רינען היינט דער מאמע ראָכלס טרערן.

1916

זוך מיך

דו זוך מיך, וו ס'איז גליק און וו ס'איז אומגליק.
איך בין די שיין, וואָס קיינער האָט געזען.
איך בין א זיפץ, אף דעם פארקעט א זון־בליק,
כאָטש ער איז דאָ, און איך בין שוין געווען.

און דאָך — מיט דיר כ'וועל קיינמאָל זיך ניט שיידן.
אַט בין איך, זע. צו אלץ, וואָס איך פארמאָג,
עס רירן צו זיך דײַנע דלאָניעסביידע,
וואָס רײַבן זיך אין לויפנדיקן טאָג.
דו אײַל זיך ניט. ס'האָט יעדע זאך א העמשעך.
מאך צו די אויגן און די שײַן פארשטעל.
דאן אף די ציטעריקע פינגער דײַנע עפשער,
פונקט ווי אף שוועבעלעך, כ'וועל אָנצינדן זיך העל.

1918

די מאלפּע

א הייסער טאָג. די וועלדער אין דער געגנט
האָבן געברענט. ס'האָט נודנע בא די שכיינים
א האָן געקרייעט. כ'האָב בא דער קאליטקע
זיך צוגעשפּאַרט צום פּלויט. דאָרט איז געזעסן
א סערב, פון די בראָדיאַגעס, אף דעם ברעטל,
וואָס דינט אונדז פאר א באנק. א מאָגערער, א
שווארצער,
מיט א מאסיוון ציילעם אף דער ברוסט דער הוילער,
פון וועלכער ס'האָט געקאפּעט שוויס. געזעסן
איז אפן פּלויט א מאלפּע אין א קליידל
א רויטס. פון בעז פארשטויבטע בלעטער
געגעסן זשעדנע. אפן האלדז דער פּאסעק
געווען איז אָפּגעצויגן פון א קייט א שווערער,
דעם גאָרגל איר געוואָרגן. אין דער רעגע
דער סערב האָט אופגעכאפּט זיך און געבעטן
בא מיר א טרונק. נאָר בלויז געפּרוּווט דאָס
וואסער
מיט זײַנע ליפּן, צי קאלט עס איז ניט צופיל,

און אויף דער באַנק אָנגעקוועטשט דעם טעלער.
דאָן האָט די מאַלפּע, ווייקנדיק די פינגער,
א כאַפּ געטאָן דעם טעלער אין די לאַפּעס
און, שטייענדיק אויף אַלע פיר, געטרונקען,
די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין ברעטל,
וואָס דינט אונדז פאַר א באַנק. די פּלייצע
האָט בא דער מאַלפּע זיך געוויגט מיט טײַנעג.
אַזוי, דאַכט אויס מיר, איז פאַרצײַטנס, מעגלעך,
דער גרויסער דאַרי צוגעפאַלן דאַרשטיק
צום וואַסער פון א קאַליוזשע, ווען לױפן
ער האָט געמוזט פון דער פאַלאַנגע אַלעקסאַנדערס.
דאָס וואַסער אויסגעטרונקען, האָט די מאַלפּע
פּאַשעט
אויף דר'ערד אַראָפּגעשאַרט דעם טעלער, און מיט
ווירדע
(אָ, צי די רעגע מעגלעך איז פאַרגעסן?)
מיר אויסגעצויגן א פאַרשוואַרצטע לאַפּע —
א האַנט, וואָלט איך געזאָגט, וואָס אין מאָזאָליעס,
ניט אויסגעטריקנט פונעם וואַסער, קאַלט נאָך...
געדריקט כ'האָב הענט בא שיינהײַטן, פּאָעטן,
באַרימטע פירער — און קיין האַנט קיין איינע
איז ניט געווען, ווי אָט דער מאַלפּעס, איידל
און אַזוי ברידערלעך מיך ניט געצערטלט.
גאָט איז אַן איידעס, אַז אין מײַנע אויגן
געקוקט האָט קיינער מיט אַזויפיל כאָכמע,
אָן גוזמע — ביזן דעק פון דער נעשאָמע.
ס'האָט מיטאַמאָל פון אָוואַר זיסע זמירעס
דער אָרעמער באַלכײַ אין מיר צעצונדן,
און ס'לעבן איז געווען פאַרפולט מיט טײַנעג,
און מאַכנעס שטערן, מאַכנעס בלויע כוואַליעס

האָבן מיט ווינט און אָרגל־שפּיל געטראָגן
צו אַלע, אַלע, אַלע, אַלע מענטשן.
קלאַפּנדיק פּאַמעלעך מיט די בובנעס,
אָן אײַלעניש אַוועקגעגאַן דער סערבּ איז,
שנעל אַף זײַן לינקן אַקסל איז אַרויף גלײַך
די מאַלפּע, גלײַכמעסיק זיך אָנגעהויבּן וויגן,
פּונקט ווי אַ מאַגאַראַדזשאַ אַף אַ העלפאַנד
אין אינדיע. די זון, אַ גוואַלדיק גרויסע,
אײַנגאַנצן אַ מאַלינאָווע, אָן שטראַלן,
געהאַנגען איז פאַרזיכערט. אָן אַ דונער
די היץ האָט אַף דעם ווייץ־פעלד זיך געקייקלט.

אין אָט דעם טאָג האָט מען געמאָלדן די מילכאָמע.

1919

מוזיק

פאַרטאָג האָט אויפגעהערט דער שנײיִקער זאַווײ.
די זונטיק־דו איז ווײַט נאָך ניט פאַרענדיקט.
אין קלויסטער דויערט אַלץ די טפּילע פונעם יאָמטעוו
Благовещенье , ווען אַ מענטש זאָגט אָן דעם אַנדערן
די גוטע בּסורע. כ׳גיי אַרויס אין הויף און זע,
ווי קליין עס זײַנען הײַנט דאָס שטיבל און דאָס רויכל
איבּערן דאַך. די פאַרע פונעם פראָסט איז זילבּער־ראָזעווע,
זי הייבּט זיך אויף אָן שטערונג צו דעם ווײַטן הימל,
און דאָרט עס זעען אויס אירע צעצווייטע שטראָמען
ווי דורכזיכטיקע פליגל פון גיגאַנטישע מאַלאָכים.
אין אָט דער ראַם — ווי קליין עס איז און שוואַך
מײַן הויכער גראָבּער שאָכן פאַנטעליי איזואַניטש,
וואָס אָנגעטאָן איז אין אַ פעלצל און אין פּישטן. ס׳האַלץ

איז ארום אים צעוואָרפן אפן פרישן שניי.
מיט ביידע הענט ער טוט א הייב איבערן קאָפּ
די שווערע האק, וועלכע מע רופט אין פאָלק "קאָלון",
און לאָזט אראָפּ זי אף א קלעצל. טוק! טוק! טוק! —
ניט הילכיק הערט זיך אָט דער קלאנג: דער הימל
און די קעלט, דער פוכקע שניי אים שוואכן אָפּ. "גוט־יאָמטעוו,
שאָכן". "איַיך — דאָס זעלבע". כ'לייג אוועק דערנעבן
מיַין האָלץ. ער — טוק! איך — טוק! אָבער אינגיכן
דאָס האקן האָלץ דערעסט מיר. כ'גליַיך זיך אויס
און זאָג: "וואַרט צו א רעגע, הערט זיך אָקאָרשט צו.
ניט אנדערש, ס'קלינגט מוזיק... פּאנטעליי איוואניטש,
הערט אוף צו האקן און די אויערן שטעלט אָן..." ס'איז אָבער
שטיל אין הויף. "קאָן זיַין, עס האָט זיך אויסגעוויזן איַיך", —
זאָגט ער. "איַי, וואָס רעדט איר. הערט זיך בעסער צו".
ער שטרענגט זיך אָן און לאָזט זיך איַינריידן: "נו, יאָ.
קאָן זיַין, מע ברענגט צו קווורע דאָרט א מיליטערמאן... עפּשער..."
איך טרעט ניט אָפּ: "זיַיט זיך מאטריַיע... הערט זיך בעסער צו...
ס'גייט די מוזיק, זעט אויס, פון אויבן, פון די הייכן...
א וויִאָלאָנטשעל. צי עפּשער גאָר א האַרפּע... דאָרט שפּילט מען גוט.
הערט אוף צו קלאפּן..." און מיַין אָרעמער פּאנטעליי איוואניטש
שטרענגט נאָכאמאָל זיך אָן. און הערט לאכלוטן גאָרנישט.
נאָר שטערן מיר ער וויל ניט, און ער האלט זיך אויכעט אָפּ
ארויסצוּוויַיזן זיַין פארדראָס. אזוי ער שטייט אינמיטן הויף
אין גרויסער מוירע איבערשלאָגן די סימפאָניע, וועלכע קלינגט ניט
אין זיַינע אויערן. לעסאָף איך זאָג אים פון ראכמאָנעס־וועגן:
"פּאנטעליי
איוואניטש. מיר האָבן ביידע געהאט דעם פארגעניגן... און א שאָד,
וואָס ס'האָט זיך שוין געענדיקט". ווידער נעמען מיר זיך פאר די
העק
די שווערע, וועלכע מע רופט אין פאָלק "קאָלון". טוק! טוק!

וואָס מע רופט Благовещенье. א מענטש זאָגט אָן דעם אנדערן
די גוטע בסורע. און אין הימל־רוים אַף דורכזיכטיקע פליגל
עס פליִען פון דער ערד גיגאנטישע מאלאָכים.

15 יון 1920

* * *

מעגסט איבערגיין, אריבערגיין,
אריבערשפרינגען, איבערלויפן,
נאָר טו א ריס זיך, ווי א שטיין
אין סאמע פלי.
בעיין אויפן,
אליין פארלאָרן, זוך אליין...

וואָס שעפּשטע איך, איין גאָט קאָן וויסן,
ווען כ׳זוך די ברילן, צי די שליסל.

1922

* * *

דער טאָג וועט קומען נאָך אלע פרעסט,
אהיים קיין רוסלאנד מיר וועלן פאָרן.
דיַין זיידן היטעלע ניט פארגעס,
עס וועט דיר פאסטן אין טאָג אין קלאָרן.

וועסט זאָגן: וויי מיר, אז דאָס איז וואָר,
און דיך א קניפּ טאָן איך וועל אָן בושע.
דורך טרערן זעענדיק רוסלאנד קלאָר,
די ערד די רוסישע וועל איך קושן.

1922

* * *

אָ, דער פּאָעזאָ־אפּדערנאכט,
און ניט אױף די עסטראַדע־ברעטער,
נאָר בײַ אַ שײַטער, מיט אַזאַרט,
אױף "דו" מיט מוזעס און מיט געטער.
איך לאָז ניט צו קײן שװאַרצע קראָ!
געבענטשט עס איז פֿון גליק די שאָ,
װען בײַ דעם טײַך, אין הױכע גרעזער,
מיר עסן פֿיש־יױך פֿונעם פֿאַנג,
און ס'איז דער װעג אַהײם נאָך לאַנג,
און עס באַגלײט אונדז די בערעזע.
מיר זאָגן טהילים מיט געװײן,
װי זאָגן קאָנען מיר אַלײן:
סײַ מיט אַ רעמעז, װי בײַ לײַטן,
סײַ אָן אַ רעמעז, שטילערהײט.
אָ, פּאָשעט לעבן, שײנע קװײט,
געבענטשט זײַ, לעבן, פֿונדערװײַטן.

1923

װאָס מע דאַרף װיסן

פֿאַרלאָרן רוסלאַנד האָסט אױף אײביק,
אַצינד איז דײַן נעשאָמע לײדיק —
אַ גלאָז מיט פֿינע, ניט מיט ביר.

שלימאזל, ס'האָט דער גורל דיר
געגעבן פרעמד־ערד פולע פּאָלעס
אין א ניט־שמייכלענדיקן גאָלעס.
און ס'וועט שוין גאָרניט העלפן, ניין —
מע דאַרף, אז רוסלאנד זאָל פארשטיין.

1925

די קרוין־ליבע

זי פאלט אף הערצער אף באליביקע,
זיי רופן זיך מיט א קריץ, א בראָך —
די נאָך ניט אויסגעליבטע, ליבנדיקע,
די שוין געליבטע, וואָס ניט ליבן נאָך.

זי איז אונדז מויכל אלץ דאָס קליינלעכע,
פון צאַפּן קומט זי אָן און קוועלט מיט שוים,
ווי א פארשטענדלעכע, א ניט־געוויינלעכע,
וואָס האָט מיך אויסגעקליבן און געקרוינט.

און שטרענג געהייסן, ניט פארפליכטנדיק,
איר ווילן אונטערזאָגן ניט פארשפּאָרט,
אז מײַנע ווערטער זאָלן, ליכטיקע,
פון דער געשאָמע גיין און בלײַבן דאָרט.

זי רופט מײַן קרוין־ליבע, שאפט אָן מיר קרוין־לײַדן,
זי ווייסט קיין אָפּשטעל ניט און ווייסט קיין מאָס,
זי, וואָס ניט מעגלעך איז איר כּאָלעם אויסמײַדן
און אויך פארבײַטן אים מיט עפּעס־וואָס.

1933

* * *

בלויז נאָר דו — אן ארבעטער־פויערשע,
מענטשנבלוטיקע, איינע,
ראַדינע־היימלאנד. דײַן קיִעם לאנג דויערט שוין,
און מיט קריג וועט דיך ניט צעוואלגערן קיינער.

ווען מיר הערן דײַן רוף דעם גערעכטיקן
מיט אן אידיי קעגן סאָנים,
פארנייג איך זיך פאר דײַן מעכטיקן
זון־באשײַנטן פּאָנעם.

13 סענטיאבער 1940

איגאָר סעווועריאנין (1887 — 1941)

* * *

אין סקוועד האָט געוויינט א מיידעלע. געשעפּטשעט מיט ליפּן צעביסענע:
"טאטע, דאָס שיינינקע שוועלבעלע צעבראָכן האָט זיך א פיסעלע.
כ'וועל נעמען דאָס אָרעמע פייגעלע, אין מײַן שאלעכל עס דערוואַרעמען..."
האָט דער טאטע געטראכט: "מער קיינער ניט אף דער שוואלב
וועט זיך דערבארעמען", —
"און האָט מויכל געווען דעם טעכטערל אלע שפּיצלעך, כאטש אָיִם שווערע,
שטארק געקושט דאָס קליינע מיידעלע, וואָס גיסט פון
ראכמאָנעס טרערן.

1910

אלעקסאנדער שיראיעוועץ (1887 — 4291)

* * *

געשיקט זיך וועט יעזוס ניט העלפן?
ס'איז צײַט שוין דערלאנגען קלעפּ!
פון די אויגן קוקן וועלפּעלעך.
איך טראָג זיך צום דאָנער סטעפּ.

די היים איך פארבינד אין א קלומעק
און ווארף אים אריַין אין טײַך.
טיפער פון דער וואָלגע — דער אומעט.
איך צעצאָל זיך, טאטעס, פאר אײַך.

נאָיאבער 1921

* * *

בא דער גרוב וועט שטיין שוין מײַן לעווײַע
און מע וועט מיר אָפּגעבן מײַן רעכט,
נאָר זיך אײַנבײַסן כ'וועל ווי א כײַע
אין דעם גוירל, אינעם הימל, אין דער ערד.

בלויז בא שוואכע איז דאָס בלוט צעפיבערט,
דער געשריי — צווישן די ציין פארקלעמט.
ס'קאָן ניט זײַן, אז איך, אזא מין גיבער,
אָפּטרעטן זאָל ס'לעבן אינדערפרעמד.

שוין גענוג צו שעכטן און צו קוילען,
מענטשן זײַנען אף דער ערד קיין געסט.

כאָטש מיר זײַנען הײַנט ניסרויפּים הוילע,
מאָרגן וועט מען לויבן אונדזער נעסט.

זאָל דערווײַלע יאָמטעווען דער אוילעם,
קלוימערשט, ס'איז א יאָמטעוו, ווען מע פאסט.
און דערנאָך — אין גרוב אף דעם בעסוילעם,
ווי מע זאָגט: אף טאָמיד שוין צוגאסט.

פעווראל, 1924

פיאָטער אָרעשין (1887 — 1938)

* * *

פארוואָס קלאָגן ניט די שטיינער,
פארוואָס שרײַט ניט די לעוואָנע,
די זון און די שטערן,
ווען מע צעשיסט אונדז?

ווו ביסטו, גאָט אלמעכטיקער,
וואָס פאר דיר עס קניִען אלע
שוואָטים און פעלקער, —
ווען מע צעשיסט אונדז?

פארוואָס שווײַגט גאָטס טעמפּל,
פארוואָס רופן ניט צונויף די גלעקער
א סכאָד אין אונדזער דאָרף,
ווען מע צעשיסט אונדז?

דער הימל שווײַגט,
די ערד שווײַגט אויך.

ס'טוט קיינעם ניט וויי,
וואָס מע צעשיסט אונדז.

1917 — 1916

דײַטשישער פראָנט

קויל קוירע

פון גלעקער די קויל קוירע אונדז געפעלט,
מיר מעלדן, וואָס מיר פאָדערן און דארפן.
די ברענענדיקע סנאָפּעס אפן פעלד
דערטראָגן זייער פײַער־שײַן צום דערפל.

איבער די דעכער ברענט א צונטער־רויטע פאָן,
זי קלאפּט אין הימל, גלײַך ווי אין א טיר, אָן מוירע.
די ערד, אין פלאמען, ווייסט שוין, וואָס צו טאָן,
ווען ס'בונטעוועט אין הימל א קויל קוירע.

פארוואָס איז ניט פארשוווּנדן נאָך די שאנד?
די קייטן אף די וועגן ווידער קלינגען.
נאָר ס'צאפּלען אוף די הערצער אין דעם לאנד.

און ווידער ווײַזט די סרייפע אירע צינגער,
די גלעקער קלינגען און די קריגן דזיערן,
און ס'הערט ניט אוף צו הודיען די קויל קוירע.

1917—1916

װלאַדימיר נאַרבוט (1944 — 1888)

***

די בלויע ראָסע פֿון ראַסייע,
ווי דרויב באַם יעגער אין דער האַנט.
די שווערדן ווימלען ווי זאַווייען,
עס גייט א קאַמף אין גאַנצן לאַנד.

סײַ פּעסט, סײַ טרייפּעס און סײַ הונגער —
אזא איז אונדער בייזע וואָר.
אונטערן שניי עס טליִען פֿונקען,
מיר ברענען שוין דאָס דריטע יאָר.

נאָר אײַנגעשפּאַרט פֿונקט ווי אן אייזל,
דאָס פֿאָלק בייגט אָן דעם קרומען קאַרק,
און ווידער וואַרעמט ס'בלוט דאָס הייסע
דעם אַלטן שראַם, וואָס ווייטיקט שטאַרק.

1919

סערגיי קליטשקאָוו (1937 — 1889)

* * *

אינעם סעדל — וויי מיר, וויי —
ווײַנט אַן אַלטער סאָלאָוויי.
בא דעם טויער, וווּ איך וווין,
נעמט צונויף זיך דער האַמוין,

ווײַל עס איז שוין פעסטגעשטעלט:
הײַנט כ׳וועל אָפּגיין פון דער וועלט.

מוילעד, שמיד פון שטערן אויס
מיר א ציילעם פון פּאַרויס.

1918 — 1912

* * *

מײַן קאָל איז הייזעריק, און זעלטן
איך קום צו דיר דורך היץ און קעלט.
און דײַנע ליפּן — אלץ די זעלבע,
די אויגן שמייכלען צו דער וועלט.
דאָס פּאָנעם איז בא מיר פארצויגן
מיט גרויער הויט, מיט גרויער זאָרג.
צו וועמען שמייכלען דײַנע אויגן?
צו מיר אויך עפּשער — כאָטש אף באָרג?
איך בין דעם קליינעם קינד מעקאַנע,
ווען צו דעם הארץ דו דריקסט עס פעסט
און זאָגסט, אז גליקלעך איז די מאַמע,
דעם טאטן אָנרופן פארגעסט.

1923

ניקאָלײַ אסייעװ (1963 — 1889)

רויט

א רויטע זון,
א רויטע שקיִע,
רויטע רעדעס
בא רויטע טויערן,
אפן רויטן פלאַץ
דאָס רויטע פאָלק,
ארבעטער און פויערים.
בא אונדז, רוסן,
איז געשמאק דאָס ברויט,
מיט געשמאקע לאטקעס
איז די כאטע רויט.
אף די לאצקאנעס
סטענגעס — רויט,
די רויטע ליפּן
מאכן אונדז דעם טויט.
אין רויטן װאלד
איז די כײַע רויט,
זי גייט אזש צו
צום דאָרפס פלויט.
אין רויטע רייען
מ׳האָט אונדז צעשטעלט,
רויטע שפּורן
אף גאָר דער װעלט.
א רויטער פלאַם
פון דער ביקסן־רער.

א רויטער בעזעם
דעם צאר אויסגעקערט.

1920

בלויע גוסארן

1

ס'דראפעט מיט די נעגל

ווי א בער דער פראָסט,
איבער דער פאָנטאנקע

א שליטן ט'זיך צעלאָזט.
צעלאָזט זיך און צעיאָגט זיך

מעשוגענערהייט.
ווערמענס דאָרט געלעכטער

און ווערמענס דאָרט רייד?
די רייד פארקלאפט

דאָס הירזשען פון די פערד —
"הער אויס מײַן אייצע:

ניט כאפ זיך פאר דער שווערד.
ס'איינציקע לעבן

קיינעם ניט פארטרוי,
שטעל זיך ניט אנטקעגן

דעם מוירעדיקן סטראַי,
געדענק, אז דו האָסט

א מאמע און א פרוי..."

2

איבער ליטײַנע

טראָגט זיך דער שליטן.
דער שליטן

קאָן זיך איבערקערן,
גאָט זאָל היטן!

"כ׳קער דיר אום דײַן אײצע,
טײַערער, צוריק,

שטאַרבן איז ניט שרעקלעך
אין פּעטליע פון א שטריק.

גאָר א גרויסע שאַנד
איז בלײַבן א קנעכט,

אָט אזוי זיך עלטערן
מיר האָבן ניט קיין רעכט.

שוין צײַט א קלאַפּ טאָן
שווערד אין שווערד,

לעבן
פרײַ

אויף דער ערד!"

3

ראָזעווע ליפּן,

געקרויזלטע האָר.
בלויע גוסארן —

געפּערלעכע וואָר.
אײַנגעשטעלט ס׳לעבן

די אײגענע פעל,
קלײַבן זײ צונויף זיך

אין א האָטעל,
איסגעטאָן די מענטעלעך

בא קנאפער שײַן,
טרינקען וועט מען, קענטלעך,

א קויסע ווײַן.
דערבײַ וועט מען בלײַבן

ניכטער הײַנט:
"לעבן זאָל די ברודערשאפט

פון יונגע פרײַנט!"

4

שטילע גיטארעס

און הויכע רייד.
מיט וועמען טיילן

די זאָרג און די לייד?
פושקינס לידער

ערשט פון דער פען,
נאָכדעם — א היים,

געווען — ניט געווען.
צוריק אף ליטיינע

טראָגט זיך דער שליטן,
דעם פאלאץ איבערקערן.

גאָט זאָל היטן!
פארענדיקט דעם שמועס,

טרײַב די פערד!
שוין צײַט א קלאפ טאָן

שווערד אין שווערד!

5

פון בלויע גוסארן

מע רעדט און מע רעדט,
רעדן אצינד

ווענן זיי
איז שוין שפעט.

שטילע גיטאַרעס
באוויינען זיי

בלויע גוסארן —
אונטערן שניי.

דעקאבער, 1925

* * *

איך קאָן ניט, איך טאָר ניט לעבן אָן דיר!
ס'איז טאַמוז, א היץ, נאָר אָן דיר איז מיר קאַלט.
ס'א פראָסט, נאָר אָן דיר צעשמאָלצן כ'וועך שיר.
און מאָסקווע אָן דיר איז א שיטערער וואַלד.

יעדע שאָ איז א יאָר, ווען דו ביסט ניט פאַראַן,
יעדע רעגע — א שאָ, ווען איך זיץ און וואַרט,
און אָט דער בלויער הימלשער ראַנד
דוכט זיך מיר אויס, איז פון שטיינער געמאַכט.

אָ, זאָל היינט פאַרשווינדן די וועלט אַרום מיר,
איך וויל ניט זען גאָרניט און קיינעם ניט,
ניט הערן קיין קלאַנג, כוץ דעם סקריפּ פון מיין טיר,
כוץ דעם געהילך פון דיינע טריט.

1960

סטעפאן שטשיפאטשאָוו (1979־1899)

לאָמיר ניט פארלייקענען

לאָמיר ניט פארלייקענען דיַין סאָד,
אז גרייט דו ביסט פון זינד אמאָל געניסן,
נאָר מיטאמאָל (אוואדע, ס'איז א שאָד)
געטראָפן האָסט א פרוי, א הארטינק ניסל...
צי שלעכט דאָס איז, צי גוט — זאָג דו אליין,
פארגעס ניט אף מיַין פראגע ענטפערן אָן דריידלער:
ווען דיַין אייגן וויַיב צי טראכסטו ניט געמיין,
ווען נעמסט אראָפ די סמעטענע פון מיידלעך.

1945

ווען אומפריַינט וואָלטן מיך פארמאסערט

ווען אומפריַינט וואָלטן פאר דעם לאנד
פארמאסערט מיך מיט פרעכן שעקער,
און קיינער גיט מיר ניט די האנט
און רידט ניט אָן זיך צו מיַין בעכער, —

דאן כ'וואָלט אלציינס מיַין קאָוועד ניט
אין דער געבראָכנקיַיט פארלאָרן,
אויב דו מיַין לעבן וואָלסט געהיט
מיט ליכט, מיט ליבע און מיט צאָרן.

1951

אַנאַ אַכמאַטאָוואַ (1889 — 1966)

* * *

איך האָב געהערט אַ קאָל פֿון ערגעץ:
"גיי ניט אין פֿעלד, גיי ניט אין וואַלד,
דײַן לאַנד איז פֿונעם גענעם ערגער,
פֿאַרלאָז אױף אײביק רוסלאַנד באַלד.
איך וועל באַפֿרײַען דיך פֿון ווייטיק,
פֿון דעם געוויסנביסן, פֿון שאַנד,
אויך פֿון בזיאָיען. אויב ס'איז נייטיק,
כ'וועל אָפּוואַשן פֿון בלוט דײַן האַנט..."

איך האָב געזאָגט דעם קאָל־פֿון־ערגעץ:
אין טאָג ביסט ערגער נאָך פֿון שאַנד,
פֿון סאַמע ערגסטן ביסטו ערגער —
פֿון דעם, וואָס ווײַכט פֿונעם פֿאַרשטאַנד.

1917

1935 — REQUIEM 1940

ניין, ניט אונטער פֿרעמדע הימלען, מער געראַמע,
און ניט אונטער דער שוץ פֿון פֿרעמדע הענט, —
מיט מײַן פֿאָלק כ'בין טאָמיד געווען צוזאַמען
דאָרט, ווו ס'איז אין קלעם מײַן פֿאָלק געווען.

אַנשטאָט אַ פֿאָרעדע

אין די שרעקלעכע יאָרן פֿון דער יעזשאָווזשטשינע בין איך אָפּגעשטאַנען זיבעצן כאַדאָשים אין די טורמע־אָטשערעדן אין לענינגראַד. איינמאָל האָט עמעצער מיך

"דערקענט". דעמלט האָט די פרוי מיט בלויע ליפּן, וואָס איז געשטאַנען נאָך מיר און האָט, פאַרשטייט זיך, אין איר לעבן קיינמאָל ניט געהערט מײַן נאָמען, זיך אופגעכאַפּט פון דער פאַרגליווערטקייט, אין וועלכער מיר אַלע האָבן זיך געפונען, און מיך געפרעגט, שעפּטשענדיק אין אויער אַרײַן (דאָרט האָבן מיר בלויז געשעפּטשעט):

— און דאָס־אָ קאָנט איר באַשרײַבן?

— איך קאָן.

עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר געזיכט, וואָס איז, פֿינקטלעכער גערעדט, געווען אַמאָל אַ געזיכט.

ווידמונג

פון אַזעלכע אַנגסטן בערג זיך ברעכן
און עס שטעלט זיך אָפּ דער שטראָם אין טײַך,
אין דער טפיסע פינצטערער — באַרעכן! —
ניט צום גוטן טוסט אַ שפּאַן, צום שלעכטן,
און די קאַמער צו אַ גרוב איז גלײַך.
זון און ווינט פאַר יעדן מענטש אַ ביסל
איז פאַראַן, אַפילו ס'טרעפט — צו זאַט,
אָבער דאָ מיר זעען בלויז די ביקסן,
ס'הערט זיך נאָר דאָס סקריפּען פון די שליסל
און די שווערע טריט פונעם סאָלדאַט.
אופגעוועקט זיך פרי, ווי צו אַ טפילע,
און געגאַן איבער דער קרוינשטאָט שנעל,
דאָרט באַגעגנט זיך אין ווינקלען שטילע,
ווו מע קוקט אויף דיר מיט אויגן קילע,
דאָך — ביטאָכן אין דײַן האַרץ ניט פעלט.
דער פּסאַק־דין... און טרערן נעמען פליסן.
שוין פון דיר דער קלאַל איז אָפּגעטיילט.
צווישן דיר און אַלעמען — די ביקסן,
ס'הערט זיך נאָר דאָס סקריפּען פון די שליסל.

ביסט אליין... ער גייט אוועק... צעגייט...
אין סיבירער ווײַט, אין די זאווייען,
זוך איך, טפּיסע־כאוועדטעס, די טריט,
וואָס איר האָט געלאָזט דאָרט אין די שנייען,
און ווען אלע שפּורן שוין פארגייען,
גיב איך אײַך אין וועג מײַן בענטשונג מיט.

מארט, 1940

ארײַנפיר

ס'איז געשען ניט אין ליקן און וויסטעס,
נאָר אף גאסן און פּלעצער גראד.
לעם די טויערן פון די טפּיסעס
האָט געענדיקט זיך לענינגראד.
דאן געגאן ניט אין רייען בעקיוון
זײַנען די שוין פארמישפּעטע מיד,
און געפּײַפט האָבן לאָקאָמאָטיוון
פון צעשיידונג די ביטערע ליד.
ס'האָט זיך רוסלאנד געמאטערט אין דאלעס
און געהאט אף זיך טויט אָן א מאָס
אונטער בלוטיקע, שווערע שטיוואלעס,
אין דעם וואָראָן פארשפּארט אף א שלאָס.

1

ווען אוועקגעפירט מ'האָט דיך מיט צאָרן,
כ'בין ווי נאָך א לעווײַע געגאן,
אין דער שטוב איז דאן פינצטער געוואָרן
און די ליכט אפן טיש האָט געצאנקט.
שוין באוויזן עס האָט דיר פארטרויען
די איקאָנע איר קעלט און איר בראנד,

און ווי ווײַבער סטרעלעצקער כ'וועל וואָיען
בא דער גרויליקער קרעמלשער וואנט.

האַרבסט, 1935

2

שטיל עס פליסט דער שטילער דאָן.
די לעוואָנע קלאפּט מיר אָן,
קומט אַרײַן אין שטוב צעמישט,
זעט — א שאָטן זיצט באַם טיש.
אָט די פרוי איז קראַנק און קליין
און איז עלנט ווי א שטיין.
ס'ליגט איר מאַן אין קײַווער און
אין דער טפיסע זיצט איר זון.

3

ניין, עס איז ניט איך — א צווייטע־עמעצער טוט לײַדן.
איך וואָלט ניט אויסגעהאַלטן דאָס, וואָס האָט געטראָפן.
כ'וויל, ס'זאָלן צודעקן דאָס אַלץ די שווארצע טוכן
און זאָל מען די לאַמטערנס אויסלעשן... ס'איז נאַכט.

4

אויף א רעגע, דו שטיפערקע־מיידל,
כ'וועל דיר ווײַזן, קאָלומאַן ס'איז ניט שפּעט,
און אין צאַרסקע סעלאָ לעבסטו איידל, —
וואָס געשען מיט דײַן לעבן עס וועט;
ווי אין ריי צו דער טפיסע, צום פענצטערל,
די דרײַ הונדערט און פופציקסטע שטייסט,
קעדיי שיקן אין כאָלעל אין פינצטערן
ווארעם גרעט און א טרער און א טרייסט.

5

כאדאָשים זיבעצן געווים
איך רוף אהיים דיך בלינד,
דעם הענקער פאל איך צו די פיס. —
מײַן וווּנד מײַן אָפּענע, מײַן קינד.
איבערגעפּלאָנטערט איז די וועלט,
און איצט אליין איך ווייס ניט מער,
ווער ס'איז נאָך דאָ און ווער שוין פעלט,
ווער ס'איז א מענטש, א כײַע — ווער,
צי גיך מ'וועט קעפּן אָדער ניט...
בלויז גלעקער קלינגען דומפּ און שווער,
און שפּורן אײַליקע פון טריט —
אהין,
קיין איינער ניט אהער.
א ווײַטער שטערן זאָגט מיר צו,
אז באלד איז טויט, און דעמלט — רו.

6

דורכגעגאנגען וואָכן זײַנען,
ס'גלייבט זיך ניט: א העלע שײַן!
אין דײַן טורמע, זוניו מײַנער,
ווײַסע נעכט קוקן ארײַן.
יאָ, בא זיי די ליכט איז אָפן,
ווי באם יאסטרעב ס'אויג איז הייס.
יעדע נאכט איז א גאָלגאָפע —
ווען דער טויט וועט זײַן, זי ווייסט.

1939

7

דער אורטייל

ס׳איז געווען און שוין פארפאלן,
גרייט פון לאנג צו דעם איך בין.
שווער א שטיין געטאָן האָט פאלן
אף מײַן הארץ איז, אף מײַן זין...

מוירע האָב איך: ס׳לעבן טאָמער
וועט זיך שיידן מיטן אָל,
דאן — פארשטיינט איז די נעשאָמע,
ביז כ׳וועל לעבן נאָכאמאָל.

צוליב דעם הײַנט האָב איך ארבעט
זייער פיל, און ס׳איז מיר שווער.
כ׳בין ניט איינזאם פארן שטארבן,
און איך וועל ניט שטארבן מער.

זומער, 1939

8

צו דעם טויט

וועסט קומען דאָך אלציינס — זײַ וויסן, כ׳ווארט אף דיר.
פארוואָס ניט איצטער, ווען ס׳איז שווער מיר זייער?
פארלאָשן כ׳האָב די שײַן, צעעפנט ברייט די טיר,
און דו ניט הער זיך צו צו עמעצנס א דייע.
דעם אויסזען, וואָס דיר פאסט, נעם אָן, און גיכער קום —
זאָל זײַן שוין מיט אן אופרײַס פון די דינאמיטן,
מיט פלעק־טיפוס, וואָס טראָגט זיך אינדערלופטן אום,
מיט שארפע מעסערס אין די לאפעס פון באנדיטן.

דו וועסט אין שטוב ארײַנגיין אומגעריכט באנאכט
מיט איידעס אופגעצווונגענע און מיטן דוואָרניק, ניכטער,
און כ׳וועל דערזען דײַן בלויע היטל, ניט געדאכט
זאָל זײַן אזא מין וועכטער, וואָס איז שוין דער ריכטער.
ס׳איז מיר אלציינס, א וואָסער זײַן וועט דײַן געשטאלט,
איך זע דעם יעניסיי און דעם פּאָליארנע שטערן
און איבער זיי צוויי אויגן טײַערע — צעשטראלט,
זיי שטילן אײַן דעם גרויל, פארגאָסענע מיט טרערן.

19 אווגוסט 1939

9

דער אומזין מיט זײַן פליגל האָט
פארדעקט שוין די נעשאָמע מײַנע.
ער גיט מיר שטארקן ווײַן מיט גנאָד,
פארנארט אין שווארצן טאָל מיט טײַנעג.

און דאָרטן קלאָר עס איז מיר איצט:
דער אומזין פײַערט זײַן ניצאָכן.
עס דוכט זיך מיר, אז כ׳רעד פון היץ,
נאָר עפּשער רעדט פון היץ מײַן שאָכן...

עס וועט דער אומזין אף געוויס
ניט לאָזן, מיטנעמען כ׳זאָל עפּעס
(כאָטש כ׳פאל אוועק צו זײַנע פיס,
זע אויס אין אָט דער רעגע לעפּיש) —

ניט לאָזן מיטנעמען דעם זונס
פארשטיקטן קרעכץ, ווי אין א גסיסע,
דעם קורצן אָטעם צווישן אונדז
בעשאס דער טרעפונג אין דער טפיסע.

ניט לאָזן מיטנעמען די ליכט

פון אויגן שרעקלעכע און שטרענגע,
דאָס וואָרט פון טרייסט, וואָס מע פאַרלירט
אונטער דער וואַך אין דער שערענגע.

4 מײַ 1940

קרייצונג

«Не рыдай мене, мата,
во гробе сущу».

1

מאלאָכים לויבן דעם, וואָס ניט באאוולט
האָט קיינעם ניט. אזא מין קלאל מע נעמט.
דעם טאטן זאָגט: «Почто меня оставил!»
און זאָגט דער מאמען: «Не рыдай мене...»

2

מאגדאלינע יאָמערט שווער און ביטער.
דער באליבטער טאלמיד — שוין פארשטיינט.
ווער עס טוט א קוק, דער ווערט פארציטערט:
שווײַגנדיק די מוטער דאָרטן שטייט.

עפּילאָג

1

געזען איך האָב, ווי פּענעמער זיך בײַטן
בא פרויען, וועלכע לײַדן אין דער ריי.
די שרעק דעקט צו ס'געזיכט אין ביידע זײַטן
מיט קנייטשן, ווי מיט פלעקל־שריפט, בא זיי.
די לאָקן, וואָס געווען זיי זײַנען שווארצע,
געוואָרן זײַנען גרויע מיטאמאָל.

און עפּעס אומבאַהאָלפנס אינעם האַרצן
רופט אָפּ זיך מיט אַ ציטער אינעם קאָל.
דערבאַרעם זיך, אָ גאָט, אויף אונדז כאָטש איצט,
ווען אַלע קויכעס זײַנען אויסגעגאַנגען.
בײַ שטומער וואַנט דאָ שטיין אין פראָסט און היץ
איז אויך אַ מיטל מיט דעם טויט זיך ראַנגלען.

2

עס פליסט דער זיקאָרן מיט ווינד און מיט ווײ.
איך זע און איך הער איצטער אַלעמען זײ:
די פרוי, וואָס, אָן קויכעס, מע האָט זי געפירט,
און יענע, וואָס שוין ס'איז פאַרלאָשן איר ליכט.
אַ דריטע, די שיינע, געזאָגט האָט געהיים:
„אַהערצו, זײַט וויסן, איך קוק ווי אַהיים...“
דערמאָנען כ'וואָלט יעדע בײַם נאָמען, נאָר מ'האָט
דאָס צעטל באַהאַלטן מיט קאַעס און שפּאָט.
אַ טעפּיך געוועבט כ'האָב פאַר זײ אין דער רײ
פון ווערטער, וואָס אונטערגעהערט כ'האָב בײַ זײ.
צעשפּרייטן דעם טעפּיך איך וועל סײַוויסײַ,
ווען טרעפן דער אומגליק עס וועט אַפּדאָסנײַ.
און אויב מ'וועט פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיר, וואָס פאָלגט
דעם ווילן פון הונדערטמיליאָניקן פאָלק,
דאַן אויף קײַוועראָווס צו מיר זאָלן גיין
די שוועסטער אין אומגליק — מיט ווײ און געוויין.
און אויב מיר אַ דענקמאָל אין דאָזיקן לאַנד
אוועקשטעלן וועט דער פאַרנונפט און פאַרשטאַנד,
דערווידער איך ניט, נאָר פונדאַנען איך שרײַ
צו דוירעס צו ווײַטע, אַז כ'האָב מיר מײַן טנײַ —
דער דענקמאָל זאָל שטיין ניט בײַם ברעג פונעם יאַם,
דאָרט, וווּ כ'בין געבוירן, און דאָרט איז מײַן שטאַם;

און אויב ניט באַם צאַרישן גאָרטן — ווער ווייסט,
דאָרט זוכט מיך א שאָטן און ווערט ניט געטרייסט...
נאָר דאָ, ווו געשטאַנען כ'בין דריי הונדערט שאָ,
און ס'איז פאַר מײַן פוס קיין אַרײַנגאַנג ניטאָ.
כ'האָב מוירע פאַרגעסן באַם טויט מיטאַמאָל
דאָס גרילצן פון האַראָן פון שוואַרצן. דאָס קאָל
פון עפּעס א זקיינע אַף יענער זײַט טיר...
און זאָל בא דער בראָנזענער מוטער, בא מיר,
זיך אויסשיטן שניי פון די אויגן — קיין טרער,
און דאָרט, ווו די טריט פון סאָלדאַט זײַנען שווער,
א טויב פון דער טפיסע זאָל וואָרקען שטיל־שא,
און שווימען א שיף זאָל שטיל אַף דער ניעווא.

מאַרט, 1940

באָריס פאַסטערנאַק (1890 — 1960)

אימפּראָוויזאַציע

א סטײַע קלאַווישן כ'שפּײַז פון דער האַנט,
ס'קלאַפּט מיט די פליגל עפּעס א פויגל.
עס איז בא מײַן אַרבל פאַרקאַטשעט דער ראַנד,
און ס'רײַבט זיך די נאַכט אינעם עלנבויגן.

און פינצטער עס איז. און אַן אָזערע ווײַט
זיך כוואַליעט. און פייגל... עס נעמט זיי דער שלאָף דען?
זיי ווען א וואָרף טאָן זיך פיקן מײַן לײַב
מיט שוואַרצע, מיט שטאַרקע און שרײַענדע שנאָבלען.

עס שווענקט זיך די נאַכט אינעם גאָרגל פון ברעג,
די פייגל זיך קריגן אַרום ניט־געפלויגן.

א כוואליע האָט אויסגעלעקט ושעדנע די דעק
באם שיפל און פליעסקעט זיך לעם עלנבויגן.

וואָס שייַעך די פייגל, איז טייַער די פרייַז
פאַר דעם, וואָס די אייפּעלעך זייערע צאַפּלען.
און זאָלן זיי, זאָלן זיי פּיקן מייַן לייַב
מיט שווארצע, מיט שטאַרקע און שרייַענדע שנאָבלען.

1916

* * *

מ'הייבט אָן אזוי: קוים אלט צוויי יאָר,
מיט קלאַנגען האלט מען אָין איין שיטן,
מע צוויטשערט דאָן, מע פייַפט, — דאָס וואָרט
קומט אויף ערשט אינעם יאָר דעם דריטן.

אזוי־אָ הייבט מען אָן פאַרשטיין.
און ס'דוכט זיך אין דער וועלטס גערודער:
דו ביסט ניט דו, דייַן היים — קיין היים,
די מוטער איז אויך ניט דייַן מוטער.

וואָס נאָך קאָן וועלן אָט דער ווינט,
די קוסטעס בעז, מיט נאכט פאַרשאָטנט,
אויב ניט אוועקשלעפּן דאָס קינד? —
אזוי־אָ קומען אויף די כשאָדים.

און ס'רייַפן פּכאָדים. ס'בלייַבט פאַרצוימט
די שטערן־הייך פאַר זעל פאַר דייַנער
בייס פאוסט ביסטו אין דייַן טרוים.
אזוי באוויַזן זיך ציגייַנער.

דערנאָך עס גיט זיך א צעשפּרייט

איבערן פלויט, אָנשטאָט די הײַזער,
א פלוצלינגדיקע יאמען־בריט.
אזוי וועט זיך דער יאמב באווײַזן.

די זומער־נאכט צו פעלדער קניט
און בעט: אַ, ווערט אַף שטענדיק הינגע!
זי דראָט דעם רוים מיט אויג צעגליטס
און מיט דער זון אויך נעמט זיך קריגן.

אזוי אין לעבן קומט די ליד.

1921

* * *

ביין־האשמאָשעס וועט זיך שפּינען,
קיינער מער וועט דאָ ניט זײַן.
אין דער שטוב דורך די גארדינען
קוקט דער ווינטער־טאָג אַרײַן.

בלויז דער נאסער שניי אין דרויסן
גלאָט אזוי זיך שיט און שיט.
שניי און דעכער בלויז,
און אויסער
שניי און דעכער — גאָרנישט ניט.

פראָסט וועט אָנוואָרפן א מוירע,
און — עס האָט מיך שוין פארדרייט
פון אמאָל די מאָרעשכוירע,
פון ניט־איצט דער ווינטער־ווײי.

אומקערן וועט דער פארדראָס זיך
פאר א שולד, וואָס איז נאָך פריש.

ס׳איז מיט קעלט די שויב פאַראַסטעט
און די וועלט אין איר — פאַרווישט.

די פּאַרטיער וועט אומגעריכט דאן
זיך א וויג טאָן אין דער שײַן.
דורך דער שטילקייַט, אזוי ליכטיק,
ווי די צוקונפט, וועסט אַרײַן —

דורך דער טיר, וואָס איז שוין אָפן,
אין עפּעס א ווײַסער קלייד,
אופגעגנייט פון יענע שטאָפן,
וועלכע זײַנען ווײַס ווי שניי.

1931

פרימאָרגעדיקע צוגן

כ׳לעב הינטער מאָסקווע אָט דעם ווינטער,
נאָר הײַנט גאנצפרי, אין שניי, אין פראָסט,
ווײַל ס׳איז מיר נייטיק, האָב איך מונטער
זיך אין דער שטאָט אוועקגעלאָזט.

אין אָט דער שאָ — קיין שפור קיין מינדסטער,
די נאכט האָט זיך אין וואלד פארהיט.
איך האָב צעוואָרפן אין דער פינצטער
א בינטל סקריפּענדיקע טריט.

די רעלסן האָבן זיך באוויזן,
געגלאנצט אנטקעגן א געפאר
און אומגעריכט זיך איבערגעריסן
אין טהאָם פון פראָסטיקן יאנואר.

בא דעם וואָקזאלכל האָט גערעכטיק

מיך אָפּגעשטעלט בלויז אױף א ווײַל
דער צוג, וואָס רופט זיך "איין און פערציק",
און איך צו מײַנעם האָב געײַלט.

עס האָבן זיך פון שײַן די פּאָלעס
צונויפגענומען אין א קרײַז,
זיך דורכגעריסן דאָרט, וווּ שמאָל איז,
און זיך צעגאנגען אױף באנײַס.

אינעם וואגאָן — ווער ווייסט, מיט וועמען
עס רעדן אלע מיטאמאָל.
כ'בין גרייט געווען אן אָרט פארנעמען,
כאָטש זיצן האָב איך ניט געוואָלט.

דורך צײַטן, ווען די נויט זיך קלאמערט,
דאָס לעבן גאָרנישט ניט באהאלט, —
פונקט ווי א קינד דערקענט זײַן מאמע,
דערקענט כ'האָב רוסלאנדס ליב געשטאלט.

אין א געמיינשאפט אין אן עכטער
דעם יישעוו האָב איך דאָ דערזען.
געווען עס זײַנען ווײַבער, גערטנער,
סטודענטן, שלאָסערס אויך געווען.

מיט אומבאקוועמקײַט זיך באגאנגען
אזויווי גראפן אין א דאָרף,
די ניט־באפרידיקטע פארלאנגען
איבערגעטראָגן ווי מע דארף.

געזעסן ענג, פארקוועטשט צוזאמען,
גלײַך אין די וועגענער אמאָל:
די דרעמלענדיקע עפּעס שטאמלען,
די וואכע לייענען אױף א קאָל.

באגעגנט מאָסקווע האָט מיט כאשכעס,
ווען די באַגינענדיקע שאָ
האָט צו די פיס זיך אונדז געלאַשטשעט
בא דעם ארויסגאנג פון מעטראָ.

די יאָרשים פון דעם גרויסן מאָרגן
האָבן באשמעקט די גאָרע וועלט
מיט פראָסטער רויִקײַט, מיט זאָרגן,
מיט האָניק־פּלעצלעך און מיט פעלד.

1941

* * *

איך וויל אין אלץ דערגיין צום גרונט,
צום פראָסטן כאָמעץ,
צו דעם, וואָס רופט זיך אָן — די וווּנד,
יאָ, דער נעשאָמעס.

צו סיבעס, וואָס מע מוח פארשטיין,
צו די פארוואָסן,
צו וואָרצלען, צו דעם טאָך אליין,
צו אלע מאָסן.

דעם פּאָדעם אָנכאפּן איך וויל
פון וועלט און סיידער.
און לעבן־שטרעבן מיט געפיל
כ׳וועל טאָן א ניידער.

אָ, ווען איך וואָלט געקאָנט באדאכט
אזעלעכס שאפן,
איך וואָלט אין שורעס אכט

באטראכט
די לײַדנשאפטן.

די מיצוועס, די אווירדעס אויך
דעם שעדס מאטאָנעס,
די גוואלדטאטן פון גראָבן קוי'ך,
די אקסל, דלאָניעס.

פון לײַדנשאפט כ'וואָלט דעם געזעץ
געווען א באלן
באצייכענען פאר אײַך צולעצט
מיט איניציאלן.

געבליט די ליד וואָלט אין מײַן סאָד
באגלײַך מיט ליפעס,
פאר אירע שוועסטער כ'וואָלט ניט גראָד
געמאכט קיין איפעס.

זיי זאָלן שטיין זיך אין א ריי
אין די פיר עקן,
מיט רויזן, רעגן און מיט היי,
זיי זאָלן שמעקן.

אזוי אמאָל עס האָט שאָפען
געשענקט אָן שאָדן
די פראכט, וואָס ס'איז זײַנס האָט געזען,
זײַנע עטיודן.

דאָס לעבן גייט זיך ניט געײַלט,
די פייגל ציִען,
און אָנגעצויגן איז די פײַל,
וואָס באלד וועט פליִען.

1956

מיכאיל זענקעוויטש (1891 — 1973)

סיביר

(פראגמענט)

פארקלאמערט אין ווײַסע איינסאָפן,
מיט ציט׳ריקע בליצן צעשטאָכן,
עס לעקט בא דער טונדרע די מאָכן
דער אָקעאן פונעם צאָפן.
קאָן זײַן, ס׳איז געווען דאָ א צווינטער,
נאָר ריין איז דער שניי, ניט צעטראָטן,
קיין בער און קיין פוקס אינעם ווינטער
באהאלטן דאָ ניט זייער שאָטן.

דעם שניי אָבער פרווו צעשארן,
דערזען וועסט די שפורן יענע,
ווען, טרעטנדיק ס׳גאָלד פון דער לענע,
געיאָגט האָבן הירשן אָטארעס.

...די טונדרע, די טײַגע אינווײַטן —
א שטײַער זיי צאָלן סיביר,
דאָס גאָלד און דעם סויבל צעבײַטן
אף זילבערנע פרעסט אָן א שיר.

1917

* * *

דערהארגעטע צווויי האָבן ווינטער, באנאכט
אף טכיעס־האמייסים אין שלאכט זיך דערוואָרט.
אין דער נאכט אף פייסער מ׳האָט ביידן זיי
אָפגעגראָבן פון דעם שניי.

זיי האָבן זיך אופגעהויבןביידע,
מיט דערפרווירענע מײַלער געגומען ריידן.
"CHRIST IST ERSTANDEN" — האָט איינער געזאָגט,
קוקנדיק מיט שטאַרע אויגן צום טאָג.
„Христос воскрес." — האָט דער צווייטער געמאַכט,
קוקנדיק מיט שטאַרע אויגן צו דער נאַכט.
און פונקט ווי מע רייכערט צו אין אָקאָפּ,
אויסגעדרייט איינער צום צווייטן דעם קאָפּ,
דרײַ מאָל זיך צעקושט און געבליבן ליגן
אויף דער אָפּגעטײַעטער ערד, מיטן טויט פאַרזיגלט.
געגאַנגען איז ווײַטער א שלאַכט א הייסע:
די לעבעדיקע זיך שלאָגן, קעדיי ווערן מייסים.

5 אפּרעל 1942

* * *

אונדזער סיכסעך — ניט פאַרענדיקט,
באַלד איך כאַפּ דעם פּאָדעם אָן,
און א פראַגע, פונקט ווי שטענדיק,
טוט א סקריפּע אויף מײַן צאָן.
ענטפער מיר, כאָטש בעכיפאָזן,
כ'זאָל ניט מיינען, אַז דו לײַגסט...

מיט א פעלץ פון ערד און גראָזן
האָסט זיך צוגעדעקט און שווײַגסט.

1962

אָסיפּ מאנדעלשטאם (1891 — 1938)

* * *

פאר דעם ראשיקן רום פון דעם דאָר, וואָס וועט זײַן,
פאר די מענטשן, וואָס לעבן שוין איצט —
אָנגעוווידן איך האָב הײַנט די קוסע מיט ווײַן
און די רו און די ערע, וואָס שיצט.

ווי א הונט וואַרגט א וואָלף, דער יאָרהונדערט מיך ברעכט,
נאָר איך בין ניט קיין וואָלף, ניט אזא.
בעסער מיך ווי א היטל אין ארבל פארשטעק
אינעם פעלץ פון סיבירער טײַגא, —

כ׳זאָל דעם פאכדן ניט זען און דאָס בלאָטקעלע שמוץ,
די פארבלוטיקטע ביינער אין ראָד.
דעם דערשראָקענעם האָז זאָל איך געבן מײַן שוץ,
דעם פארשולדיקטן וואָלף — מײַן גנאָד.

פיר מיך אָפּ אין דער נאכט צו דעם טײַך יעניסיי,
וווּ א בוים ביז די שטערן דערלאנגט, —
ווײַל דערהארגענען מיך, ווי איך גיי און שטיי,
קאָן אזא בלויז ווי איך, ניט קיין שלאנג.

17 — 28 מארט 1931

* * *

געווען אלעקסאנדער גערצאָוויטש,
א ייִד א מוזיקאנט,
האָט שובערטן מיט לעכצעניש
געשפּילט ווי א ברילִיאנט.

פון אינדערפרי ביז שפעט באנאכט
ניט מיד ווערן געקענט,
אליין סאָנאטעס אויסגעטראכט,
געדזימבלט אָן און ענד.

היי, אלעקסאנדער גערצאָוויטש,
אין דרויסן איז שוין שפעט.
נעם, אלעקסאנדער סקערצאָוויטש,
לייג זיך אריַין אין בעט.

און זאָל אן איטאליענעטשקע
אין פראָסט און אין זאווייַ
מיט שובערטן אָן הענעטשקעס
זיך שליטלען אפן שניי.

מוזיק אין לעבן פעלט אונדז ניט,
ס׳איז שטארבן אזש ניט שווער
און הענגען ווי א פעלצעלע
אזש ביז דער סאמע ערד.

מיט לעכצעניש, מיט קרעכצעניש
דאָס לעבן גייט א גאנג.
איַי, אלעקסאנדער גערצאָוויטש,
איך זאָג עס איַיך פון לאנג...

27 מארט 1931

* * *

מיר לעבן, ניט פילנדיק אונטער זיך דאָס לאנד,
פאָרויס אף א צענדליק טריט אונדזער קאָל ניט דערלאנגט.
און אויב ריידן קורץ, מיט שפאָרעכץ, —
לאָמיר דערמאָנען דעם קרעמלישן גאָרעץ.

זײַנע גראָבע פֿינגער — װי װערעם פֿעטע,
זײַנע װערטער, װי פֿודאָװע געװיכטער, פּלעטן,
זײַנע װאָנצעס — װי בא א טאַראַקאַן,
זײַנע כאַליעװעס פֿינקלען, װען ער טוט א שפּאַן.

א כאַפּטע פּידער אים גלעטן און בענטשן —
אף האַלב מאַלפּעס, אף האַלב מענטשן,
אײנער מיאוטשעס, דער צװײטער מורליקעס,
און ער דער אײנציקער מיטן פֿינגער טיטשעט
און קאָװעט װי פּאַדקאָװעס אוקאַזן, באַפֿעלן,
װעמען פֿאַרבײַגײן, װעמען געפֿעלן,
װעמען דערהאַרגענען — אַלץ אָן א זינען,
נאָר ברײט איז די ברוסט בא דעם אָסעטינער.

1934

* * *

װען אונדזערע סאָנים װאָלטן מיך גענומען,
װען אופּגעהערט מיט מיר רעדן װאָלטן די מענטשן,
װען מע װאָלט אָפּגערוּבט בא מיר אַלץ אין דער װעלט —
דאָס רעכט צו עטעמען און צו עפֿענען טירן,
צו האָפֿן, אז דאָס לעבן װעט פֿאַרגעזעצט װערן
און אז דאָס פֿאָלק איז דער ריכטער, און קײנער נישט מער;
װען מע װאָלט װאָגן מיך האַלטן װי א חײַע,
דאָס עסן א װאָרף טאָן מיר אפֿן דיל, —
דאַן כ'װאָלט אויך ניט געשװיגן, ניט באַהאַלטן דעם װײטיק,
נאָר פֿאַרצײכנט דאָס, װאָס מײַן װילן איז צײכענען.
צעװיגנדיק אין גלאָק דעם צונג דעם נאַקעטן
און אופּװעקנדיק דעם סוינעס א פֿינצטער װינקל,
װעל איך אײַנשפּאַנען אין מײַן קאָל א צענדליק אָקסן,

איבערן כּוישעך אַ פּיר טאָן מיט דער האַנט, ווי מיט אַן אַקער
און אַרײַנפֿאַלן אין אָקעאַן פֿון די ברידערס אויגן
מיט דער שווערקייט פֿון רײַף געוואָרענע זאַנגען,
מיט דער צונויפֿגעפּרעסטקייט פֿון אַ האַסטיקער שווּע,
און אין דער טיפֿקייט פֿון דער באַוואַכטער נאַכט
וועט די שוואַרצאַרבעטערן־ערד אַ בליץ טאָן מיט די אויגן,
און ס'וועט זיך דורכטראָגן אַ סטײַע פֿלאַמיקע יאָרן,
אַ רויש טאָן ווי אַ רײַפֿער געוויטער וועט לענין,
נאָר אויף דער ערד, וואָס וועט אויסמײַדן פֿוילונג,
אומברענגען דעם פֿאַרנונפֿט און דאָס לעבן וועט סטאַלין.

1937

* * *

כ'בין ניט געשטאָרבן נאָך און בין נאָך ניט אַליין,
צוזאַמען מיט מײַן ברודערקע — דעם הונגער
כ'בין זיך מעכײַע מיט דער וויוגע, מיטן פֿליין,
מיט אַלץ אינאיינעם און מיט אַלץ באַזונדער.

אין שיינער אָרעמקייט, באַקוועמער שלעפּערײַ
איך לעב מיט יוישער, פּונקט ווי אין גאַניידן,
אַ דולער אוש פֿון גליק, איך טו זיך אַ צעשרײַ,
אַז קיינער וועט מיך מיט דעם ווילטיק ניט צעשיידן.

ס'איז יענער אומגליקלעך, וואָס לעבט ניט מיט אַ טרוים
און איז נאָך אויף קיין דערנער ניט געטראָטן,
ס'איז אָרעם דער, וואָס עטעמענדיק קוים,
בעט אַ נעדאָווע בײַ דעם שאָטן.

יאַנוואַר, 1937

מאריִא שקאפסקאיא (1891 — 1952)

רו

די רוסישע נאטור — א מידע, צארטע...
באלמאָנט

די רוסישע פארשנייטע צווינטערס
אין כאָלעם ליגן פוסט און ריין...
די צלאָמים גלעזערנע אין ווינטער
זיינען שוין מיד פון אייביק שטיין.
נאָר אָט גייט עמעץ דורך מיט שטילע,
מיט ווייכע זילבערדיקע טריט
אזוי געהאָרכזאם, אז אפילע
די פייגל קלאָגן אויך זיך ניט.
ווי שניי־טוי אף די קוואָרים פאלן
עס וויל דער מענטש אוןווארטן לאנג,
ביזוואן דער וואָלקן, פול מיט שטראלן,
צו אָט די קוואָרים אוש דערלאנגט,
און וויסן, אז אין טאָך עס ועלן
דער טויט, די גרוילן און דער וויי
אָדער דאָס הייליק אָרט פארפעלן,
אָדער באהאלטן זיך אין שניי.

1918

* * *

די זון גיסט זיך אויס אף די וועלן,
און ס'דוכט זיך מיר, אז זיי לאכן.

מײַן הארץ איז א שיפל, פון װעלכן
געװאָרפן אין יאם כ'האָב די זאכן.

כ'געפין צװישן כװאליעס א װינקל,
גיס אויס דאָרט דעם װײ פון א מאמען.
אוי־װײ, מײַן געשטאָרבן ייִנגל
ניט זען װעט א זון אזא מין!..

1920

* * *

מיר געבוירן זײ שװער אין װײען,
נאָר דו נעמסט אין גאנײדן זײ צו
און מיר קאָנען ניט זאָגן קײן דײע,
מ'זאָל אונדז אויסהערן ערגעץ־װוּ.

זאָלסטו װיסן — איך בין באם זינען,
ביז פארטאָג װעט זיך שטילן דער גרויל.
אויב באגעגענען װעסט מײַן מיזיניק,
װיש אים אָפּ פונעם טויט דאָס מויל.

זאָג דעם קינד, װאָס אװעק אין דער נאכט איז,
אז די מאמע, פון װײען שטום,
האָט געבעטן, דו זאָלסט ניט װארטן
און אים אָפּטאָן דאָס, װאָס אים קומט.

1922

א געבעט

גאָטעניו, ביסט אין דער דעמערונג צוגעגאן נאָענט צו מיר.
3־איצט זעסטו, אז כ'בין אפּן עק פון דעם שפּיל אן אײגל, ניט

מער.
מיר אלע, גאָטעניו, זײַנען ווײַמפּערלעך ביטערע אין האַרבסטיקן וואַלד,
ווײַסע בלימעלעך, צעשאָטענע מיט א ברייטער האַנט איבער
דײַן אָנבּרעגיק פעלד.
מיר זײַנען קאָרענע זאַנגען, וואָס פון דײַן פײַכטער ערד גייען אוף
און וואַלגערן זיך אין שטויב פון דײַן מאָגער באַראַבעוועט לאַנד.
דו לאָז אונדז אויסוואַקסן, ווערן רײַף אונטער דער ליכטיקער זון,
די פעלד־בלימעלעך זאָלן זיך וואַפּטיקן אין דער ראָסע און ווערן שיין.
שטרעק ניט אויס פאַר דער צײַט דײַנע אײַדעלע פינגער צו אונדז,
רײַס ניט די גרינע יאַגדעס, טשעפּע ניט די זאַנגען, וואָס זײַנען נאָך פּוסט, —
לאָז אונדז אויסבאָלעון די קינדער, ווען מען טאַטע דו ביסט.

1923

איליא ערענבורג (1891 — 1967)

* * *

איך קאָן ניט זײַן מיט אײַך אינײַנעם,
מיט אײַך אינײַנעם כ׳וויל ניט זײַן,
נאָר כ׳קאָן פון אײַך זיך ניט אַנטווײַנען
און ס׳לאָזט ניט אָפּ מיך אײַער שײַן.
צו אײַערע כ׳דערלאַנג ניט הייכן —
דורך דעם "סקוואָז סטראָי"[1] צו גאָט דערגרייכן!
דער גורל אײַערער פון קנעכט

1 אן אלטער אויסדרוק פונעם מיליטערישן שטייגער, וואָס באַטײַט, אז דער באַשטראָפטער דאַרף דורכגיין צווישן צוויי רייען סאָלדאַטן, וואָס שלאָגן אים מיט ריטער איבערן הוילן לײַב.

מיך לאָזט ניט שלאָפן אין די נעכט.
מיט יידיש בלוט פאַרסאַמט אָף אייביק,
איך לעב מיט מײַן נעשאָמע שווער,
און ווי א זון איך בין פאַרייניקט
מיט אײַך, מיט אונדזער מאַמעס טרער.
ווען פונעם וואַנדערן כ'בין מיד,
דאַן פיל איך, אַז איך בין א ייִד.

1912

* * *

מיר האָבן אָפּגעלעבט פיל קריגערישע יאָרן,
ווען יונגע פעלקער, ברעכנדיק דעם וואַלד,
האָבן ווי עלפאַנדן, באַהערשט די טיפע באָרן
און אײַנגעשטעלט גערעכטיקײַט מיט געוואַלט.

ס'איז גרויס דער שווונג פון איין געבאָט צום צווייטן,
גלײַך איבערנאַכט פון מעזשעס זיך באַפרײַט,
דעם פּאָליוס אָפּגעבונדן פון די שווערע קייטן,
אָף זיך אַליין די קייטן בלויז באַנײַט.

1928

מאַרינע צוועטאַיעווא (1892 — 1941)

* * *

שווער צו זײַן א רײַכע און זאַטע,
און די גײַווע איז מיר פרעמד,

נאָר איך וועל פאַר דעם סאָלדאַט ניט
שטיין פאַרלאָרן און פאַרשעמט.

ס'נעמט די שטאָט דעם ווינט פאַרשעפּן,
די לעוואָנע — איין אַליין.
קיינער וועט מיך הײַנט ניט טשעפּען,
אָרעם כ'בין, נאָר שטאָלץ און שיין.

1917

* * *

״זײַט מיר מוחל, מײַנע הויך־בערג!
זײַט מיר מוחל, מײַנע טײַכן!
זײַט מיר מוחל, מײַנע פעלדערן!
זײַט מיר מוחל, מײַנע גראָזן!״

ס'טוט א ציילעם דעם סאָלדאַט אָן
אויפן האַרץ די מאַמע פּראַסיע,
און עס הערט זיך פון דער כאַטע:
״זײַט מיר מוחל... ווינטער... אָסיען...״

14 מײַ 1918

* * *

שלעפער — דו, וואָס געדענקסט ניט דײַן ייִכעס, —
יוגנט! פיל איז די וועלט מיט זינד.
פונעם צימער אין שנייִקע וויכערס
דיך אַרויסגעפירט כ'האָב אויפן ווינט.

קלינגט דאָס קאָל דײַנס אזוי ווי א שווערד:

— מאמע, שער מיר אָפּ די קוטשערן,
ווײַל זיי ציִען מיך צו דער ערד!

1919

* * *

אָט איז ער — אַף זײַן פלאַג צווײ אָדלערס פּיסק צו פּיסק, —
דער זעלנער אָן א ביקס.
אָט איז ער — זע! — א מידער, לעבט ער אין דער פרעמד,
דער פירשט, וואָס אָן א העמד.

אָט איז ער — אינעם טרוים ביז מאָסקווע ער דערלאַנגט,
דער בירגער אָן א לאַנד.
און דאָרט עס וואַרט אַף אים דאָס לעבן און דער טויט,
זײַן מאמע און דאָס ברויט.

15 אווגוסט 1921

פּאָעמע פונעם סאָף

(פראגמענט)

בא איִעוון
איז גאָט א באַלכויוו.
עס רעדט זיך אזוי:
קי טויוו.[1]

הינטער דער שטאָט, כ׳לעבן,
אַף יענער זײַט וואַל,
דאָס לעבן — אָן אָרט, ווו מע קאָן ניט לעבן,
א ייִדישער קוואַרטאַל.

1 כּי טוב (העבר.) — קי טויוו. א מין אָפּשאַצונג: צום גוטן.

איז עפּשער שוין בעסער,
טויזנט מאָל,
זײַן אַן אייביקער ייִד.
בעשאַסן פאָגראָם איז די גאַס שמאָל,
מע הערט ניט קיין טריט.

לאָמיר ווערן אַף אַ צײַט מעשומאָדים,
געשמאַדטע שרײַבט מען צו.
פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. מאָדערנע בגאָדים.
פֿאַר כאַבאַר אין דער יאַד — רו.

באַ איִעוון איז גאָט אַ באַלכויוו.
עס רעדט זיך אַזוי: קי טויוו.

1924

ס׳איז גוט, וואָס ניט מיט מיר איר זײַט איצט קראַנק

ס׳איז גוט, וואָס ניט מיט מיר איר זײַט איצט קראַנק,
וואָס כ׳בין פֿון אײַער קראַנקהײַט ניט די סיבע.
עס צינדט ניט אָן די ליבע קיין פֿאַרלאַנג,
און ס׳לעשט ניט אויס קיין האָפֿענונג די ליבע.
ס׳איז גוט, וואָס שטיפֿערײַ איז אונדז ניט פֿרעמד,
און כאָכמעס ניט געלאָסענע אויך טויגן,
און אויב מ׳האָט זיך באַגעגנט מיט די הענט,
באַדאַרף מען ניט אַראָפּלאָזן די אויגן.

ס׳געפֿעלט מיר, וואָס אין צימער, ווו איך זיץ,
איר נעמט אַרום אַ צווייטע ניט באַשיידן,
איר שיקט אַף מיר קיין דונער און קיין בליץ
און שעלט מיך ניט דערפֿאַר, וואָס כ׳קוש אַ צווייטן.

און עס געפעלט מיר, וואָס, פון דײַגעס מיד,
איר טראכט ניט וועגן מיר, דאָס הארץ זאָל רוען,
וואָס הילכן איבער אונדז וועט קיינמאָל ניט
א קאָל א הויכס אין קלויסטער — "האלילויע!"

א דאנק אײַך, וואָס ניט וויסנדיק אליין,
פאר אלץ, וואָס צווישן אונדז איז ניט פארלאָפן,
איר האָט מיך ליב, — פאר דעם, וואָס אָן א מיין
מיר זײַנען ביידע רויִק הײַנט געשלאָפן.
פאר דעם, וואָס מיר פארהאלטן זיך ניט לאנג
אונטער לעוואָנע בא פארמאכטע טויערן,
וואָס ניט מיט מיר, געליבטער, זײַט איר קראנק,
וואָס קראנק מיט אײַך איך בין ניט, צום באדויערן.

1930

* * *

ביז דעם אייפעל — אזוי נאָענט,
נעם און קריך אף אים ביז ענד,
נאָר מיר זײַנען אינעם לעבן
שוין געקראָכן אף די ווענט.

אזוי אומעטיק און מיִעס
אין פאריזש איז אונדז די זעל.
"רוסלאנד, מײַן רוסלאנד,
וואָס ברענסטו אזוי העל?"

1931

די שטוב

מײַן שטוב, וואָס זי דערמאָנט די צײַט,
ווען גרויע עלטער איז נאָך ווײַט, —

די שטוב באַגעגנט (שטרענג די ברעם...):
"גוט־מאָרגן, כ׳זע דיך אינדערפֿרעמד..."

דאָס אויג אונטער דער ברעם איז שטרענג,
די גרינע יוגנט מײַנע בענקט.
די שטוב פֿון דאָרטן קוקט אַהער
איבער מײַן פּנים רינט אַ טרער.

6 סעפּטעמבער 1931

* * *

— דײַן ליד איז ניט כּדאַי
צו האָבן אַ מיין.
— מיר ווילן, דער קלאַל
די ליד זאָל פֿאַרשטיין.

— אין ליד דײַנער שרײַט
דער וואָס־אין־דער־קאָרט.
— מיר ווילן, די צײַט
זאָל קלינגען אין וואָרט.

— פֿינף יאָר. בלויז פֿינף יאָר.
פֿינפֿיאָריקע וואָר.
— איך זוך און געפֿין
יאָרהונדערטער פֿינף!

צי ווײַן זאָל, צי ניט
אין רוסלאַנד די ליד, —
וועט פּאַסקענען הײַנט
דער ייִדעש, מיר שײַנט.

14 סעפּטעמבער 1931

צום זון

צי פון דעם הארץ, צי פון פארשטאנד, —
פּאַר, זונעניו, צו זיך אין לאנד,
אין קאנט, וועלכער פון קליין מאכט גרויס,
ווּ גיין צוריק איז — גיין פאָרויס,
אהין דארפסט גיין, דו ביסט דאָס קינד,
וואָס רוסלאנד האָט עס ביז אצינד.

נאָך ניט געזען. א קינד ביסט מיינס.
ניין, רוסלאנדס קינד דו ביסט. מיר שיינט,
אז אלץ, וואָס פארן אויג, איז דרויב,
אויב ס'ליגט אף דעם ניט רוסלאנדס שטויב.
געשיקט זיך, טראָגן צו דער וויג
מע דארף א זשמעניע ערד דעם קינד:
"אָט דאָס איז, Русь פארגעטער בלינד!"

פון דעם ניט־דורכגעלעבטן ווי,
וווּהין די אויגן קוקן — גיי!
די אויגן — פון דער גאנצער וועלט,
אויך דיינע — בלוי פון צאָפּן־קעלט,
וואָס כ'שפיגל אָפּ אין זיי מיין גרוס,
און זיי געווענדט זיינען צו Русь!

א לויב די טיפקייטן דעם גרונטס:
אייך, וועמען וועלט און צייט געהער, —
אייך — ווי א רוף — פססר,
א רוף פונקט אין דער זעלבער מאָס,
ווי אין דעם יאם דעם בייזן — SOS.

ס׳געדולד דעם היימלאנדס ווערט שוין אויס.
פאַר, זונעניו, אהיים — פאַרויס! —
פון אונדז — אוועק, אין מאסן־לאנד,
פאַר אין דײַן צײַט, דײַן שאָ, דײַן קאנט,
אין לאנד־מע־ווילן! אין לאנד־מע־שפאנט!
אין לאנד־אף־מארס! אַן־אונדז־אין־לאנד!

יאנוואר, 1932

וולאדימיר מאיאקאָווסקי (1893 — 1930)

וולאדימיר איליטש לענין

(פראגמענט)

ווען כ׳רעכן אונטער
אצינד
מײַן לעבן
און זוך דאָס שענסטע,
וואָס איך פארמאָג,
דאן הערט ניט אוף
פאר די אויגן צו שוועבן —
גלײַך נאָכן אופשטאנד
דער ערשטער טאָג.
אזוי ווי בליצן —
באגנעטן
שטאָלענע,
מאטראָסן שפילן

מיט באָמבעס,
ווי מיט פּילקעלעך.
עס גייט כאַדאַראַם
דער אופגעברויזטער סמאָלני,
בא פּולעמיאָטן
די לענטעס וויקלען זיך.
....
איינער טראָגט א באַפעל,
אן אנדערער טראָגט זיך ארום
אין דער אמפּערניש,
א דריטער
באַם שלאָס פון דער ביקס
נעמט די טוירע פון שיסן
זיך לערנען.
דורכן קאָרידאָר
(א גאַס א גאַנצע, אנדערש ניט)
איז דורכגעגאַן
זײַטלדיק,
אזא פּאָשעטער,
לענין.
אָט די סאָלדאַטן —
— שוין לענינצעס אלע —
דערווײַל נאָך
זיי קענען אים ניט
לויט פּאָרטרעטן.
זייערע רייד —
שאַרף ווי א כאַלעף.
שטופּנדיק זיך,
זיי שרײַען און שעלטן.

און דאָ,
אין דעם אײַזערנעם,
ווילִיקן שטורעם,
געשפּאַנט האָט איליטש,
פֿאַרשלאָפֿן קלוימערשט,
און מיטאַמאָל
די אויגן פֿאַרזשמורעט,
די הענט —
אין קאַמזויל,
און פֿאַרקוקט זיך טרוימעריש
אויף איינעם א יאַט
אין אָבמאָטקעס גרויע,
די טשופּרינע — שוואַרץ,
די אַקסל — געזונטע.
דער יאַט האָט אָן ווערטער
דאָס האַרץ פֿאַרטרויט אים,
און ער מיט די אויגן
דעם יאַט האָט געמונטערט.

1924

דער ייִד

דו פּרוּווסט נאָך פֿאַרטשעפּען
די פֿראַגע די ייִדישע,
און די גאַנצע גאַס
הייבט אָן זיך צו כידעשן:
די ייִדן?
אויף אילינקע,
אין דער קאָרשול —

פלינקע!
זיי ווילן ניט זײַן מיט קיינעם קיין גלײַכע,
כאַטש הארגע —
איסערגעוויינלעך רײַכע
און איסערגעוויינלעך קארגע...
עס הערט זיך א שטים:
"מע גיט זיי אָפּ קרים!
ניט בא דער שטוב א לעוואדע —
סעוואסטאָפּאָל, יאלטע...
די ייִדן וועלן אוואדע
דעם יאם דאָרט נאָכאמאָל שפּאלטן..."
גענוג שוין געפּלאפּלט, שויטעס,
טוט א קוק אף די ייִדישע גויטן!
איבער גובערניִעס פונעם טכום
גייען פּאָגראָמען ווילדע ארום.
אויב דער שניי
די וועגן פארשיט,
איז שולדיק "דער זשיד".
אויב ס'האָט א רעגן
פארהאלטן דעם שניט,
איז שולדיק "דער זשיד".
אויב סרייפעס באם פּאָרעץ סמאליען די טריט,
איז שולדיק "דער זשיד".
צום ברעג ברענגט דער שטראָם
אלע טאָג
דאָס בלוט פון פּאָגראָם
אין ביאליסטאָק.
עס הוליעט דער טויט באנײַס א קאָן,
ווען דאָס לעבן גייט אוף

ווי א ראַשטשינע.
ס'האָט געצונדן פעטליורע דעם רויטן האָן,
מיט א בײַטש האָט געפײַפט
די מאכנאָווטשטשינע.
עס איז נאָך דער קעלער
פון טרערן ניט טרוקן,
די מענטשן קריכן ארויס
פון דער נאָרע אין דרויסן.
דאָרט גלײַכן זיי אויס דעם רוקן,
באווײַזן דעם מערדער פויסטן.
בא די, וואָס ארבעטן,
איז געמיינזאמס פאראן,
פרווו טרעפן לויטן געמיט,
ווער פון זיי
איז א סלאוויאן
און ווער עס איז
א סעמיט.
ביידע ווילן ניט דאָס רעכילעס הערן,
ביידע ווילן
צו איין מענטשהײַט געהערן.

1926

געאָרגי איוואנאָוו (1958 — 1894)

פעטערהאָף

א נײַער זון־אופגאנג! דער אָסיען־ווינט איז פײַכט.
ארויס פון נעפל, קומט דעם יונגן טאָג באטרעטן

דער דעמב, וואָס אים עס האָט פאַרזעצט פּילײַכט
די אימפּעראַטאָרישע יעליזאַוועטאַ.

די קעלט איז אומבאַהאָלפן, אָבער ניט געמיין,
און עפּעס פונעם הימל־רוים עס ליגט אין איר באַהאַלטן.
איך וויל אין סאָד פאַרגליווערט בלײַבן שטיין
פּונקט ווי א בוים, ווי אָט די בראָנזענע געשטאַלטן.

ניט זײַן פאַרליבט, ניט זײַן אויך א פּאָעט,
בלויז כאָלעמען פון א פאַרגאַנגען לעבן
און זיך פאַרוואַנדלען אין א סילועט
באַם זון־פאַרגאַנג, מיט אַנדערע דערנעבן.

1921

* * *

כ'האָב זיי ליב, אָט די בערג די פאַרשנייטע
אפן ראַנד פון דעם פּוסטן וועלטאַל.
ביז פאַרטאָג וועל איך גיין דיך באַגלייטן —
ביז דעם איינציקן קאָסמישן שטראַל.
נאָר מײַן לאַנד האַלט פאַרהאַנגען די פענצטער,
עס איז טונקל דאָס אָרט, וווּ איך שטיי,
און עס לעבן דאָ איינע געשפּענסטער,
און עס בליִען דאָ רויזן אין שניי.
די נאַטור האָט מיר מער ניט געגעבן,
איך באַגלייט דיך מיט באָרוועסע טריט.
קאָפּ אין וואַנט זאָל זיך שלאָגן דאָס לעבן
אין דעם וועלטישן האַרטן גראַניט.

1931

פּונעם ציקל ״טאָגבוך 1955״

2

הײַנט מערער אָדער ווייניקער
מיר לעבן אין דער נאכלע,
און ווייניקער צי מערער הײַנט
עס שמעקט דאָס גראָז דאָס טשאכלע.
פֿארשיידענערליי דאטשניקעס —
א קרומער און א בלינדער,
די מאמעס און די מאטשעכעס
מיט הינטלעך און מיט קינדער.
און מערער אָדער ווייניקער
פֿאראנען דאָ נאָך איניקע...

6

דאָס לעבן ווײַטער גייט, שוין גאָרניט אלפּי סייכל.
עס שמועסן אויף דער זון די זקיינים מיט א שמייכל:
— אין מאָסקווע רוישט א באל... סיביר באווײַזט זײַן וועטער...
מע שלאָגט זיך אפּן פּראָנט... קערענסקיס פּוסטע ווערטער...
(בא פֿראנקרײַך איז מען שוין באלד פֿערציק יאָר צוגאסט.
די ביינער טוען וויי פֿון אומגיין פּוסט־און־פּאס.)
— מאסאָנען אומעטום... באזונדערס צווישן ייִדן...
מיך דרוקט ״היפּערבאָריי״[1]... עס מוטשען די מערידן...
אונטער דער זון עס ליגט אין גליקלעכער מאראָכע
אן אָפּגעלעבטע וועלט, א נעכטיקע עפּאָכע.
אָט קערט מען אום דעם ״ Ять ״, די ״ фито.
לאנג געגארטע.
דאָס לעבן ווײַטער גייט... מע דארף שוין לאנג ניטווארטן...

1 דער נאָמען פֿון א זשורנאל, וועלכן עס האָבן ארויסגעגעבן די אקמעיִסטן

9

בא דעם בלויען טײַכל,
לעם דער קילער װעל
כ'האָב צו זיך קיין גלײַכן,
ס'לױפט דאָס לעבן שנעל.
מיט מײַן צײַט געארעמט
װעל איך טאקע דאָ
ליגן אין דער װארעם
אפן קאלטן דנאָ.

1955

סערגײ יעסענין (1895 — 1925)

ניט איך װײן און ניט איך האָב פארלאנגען

ניט איך װײן און ניט איך האָב פארלאנגען,
אלץ פארשװינדט, װי פון א בױם דער צװײט.
הײַנט איך בין מיט גאָלד פון הארבסט באהאנגען,
און צוריק שױן יונג זײַן װעל איך ניט.

דו, מײַן הארץ, װעסט שױן ניט זוכן בעסערס,
ס'איז אצינדער קאלט שױן דיר און שװער.
אינעם לאנד פון ציצענע בערעזעס
װעל איך באָרװעס אומלױפן ניט מער.

אָט דאָס אלץ, װאָס אויסגעזען האָט נישטיק,
איז געװען פון הײסן װאָרט דער קװאל.

לויב צו דיר, אומזיסט פארשווענדטע פרישקייט,
פון געפיל דער ווילדער וואסערפאל.

מיין פארלאנג איז שוין געצוימט און ביליק.
אך, מיין לעבן, ביסט א כאַלעם איצט,
ווי איך וואַלט זיך דורכגעטראָגן פריילינג
אף א פערד א ראַזעוון צעהיצט.

צווישן אונדז איז אומשטערבלעך ניט קיינער,
אויך דער קליאָן זיך טרייסלט אָפּ און ליידט.
זאָל געבענטשט זיין דאָס, וואָס יעדער איינער
אף צו שטארבן האָט די רעכטע צייט.

1921

* * *

ווען איך האָב שוין ניט מער קיין ווערטער,
כ'טו א פייף אומזיסט און אומנישט,
און אוועק איז א שעם א שלעכטער,
אז איך בין גאָר א סקאנדאליסט.

אך, עס גייט דען אין מענטשנס העמשער,
און איך בין דען א נאריש קינד?
ווייל געגלייבט כ'האָב אין גאָט — איך שעם זיך,
עפּעס ארט מיך, וואָס כ'גלייב ניט אצינד.

זען בלויז גוטס בין איך קיינמאָל קיין באלן,
און איך נעם ניט די צוקונפט אף באָרג.
כ'האָב געמאכט אין מיין לעבן סקאנדאלן,
ווייל ס'געפעלט מיר ניט לעבן אָן זאָרג.

ס'מאכט פאר זיך דער פּאָעט איצטער שאבעס,

צערטלעך ליבן — אזא איז זײַן ציל.
ווײַסע בושלען מיט שווארצע זשאבעס
אָפּטמאָל כאסענע מאכן איך וויל.

איבערלעבן פארדראָס כ'וועל פארשפּאָרן,
טאָמער איז עס אין מיר געווענדט.
אויב נעשאָמעס מיט שיידים זיך פּאָרן,
זײַנען דאָרט אויך מאלאָכים געווען.

און פאר דעם מיך דערמאָנען צום גוטן
זאָל מען שפּעטער נאָך מער איידער הײַנט.
אין די לעצטע אין מײַנע מינוטן
וועל איך בעטן די קרויווים און פרײַנט,

מע זאָל לאָזן מיך, ניט ווי א פרעמדן,
כאָטש דעם שעד אפּיקאָרסיש פארטרויט,
לייגן זיך אין א רוסיש העמדל
אונטער אן איקאָנע באם טויט.

1923

א בריוו דער מאמען

ביסט נאָך לעבעדיק, מײַן אלטע מאמע?
נו, און איך — איך לעב נאָך אף דער וועלט.
בעסער וואָלטן מיר געלעבט צוזאמען,
דאן עס וואָלט אונדז גאָרנישט ניט געפעלט.

פון דײַן הארץ די רו איז אָפּגעפלויגן,
ווי די פייגל אין דעם בלעטערפאל,
אפן וועג דו קוקסט זיך אויס די אויגן,
פון דער קעלט פארוויקלט אין א שאל.

אלעמאָל דיר דוכט זיך, גאָט זאָל היטן,
אלע נאכט עס קומט דיר אינעם שלאָף,
אז עס האָבן אין קאבאק באנדיטן
מיט א מעסער מיר געמאכט דעם סאָף.

טײַערע, ביטאָכן איז דעריקער
אין א צײַט פון צאָרעס אָן א שיר,
כ׳בין נאָך ניט אזא מין שטארקער שיקער,
איך זאָל שטארבן, מאמע, ווײַט פון דיר.

ס׳איז נאָך אלץ דערווײַלע ניט פארפאלן,
כ׳הער ניט אוף צו טראכטן פון דעם גליק —
וויאזוי אוועק פון די סקאנדאלן
און צו דיר זיך אומקערן צוריק.

כ׳וועל אין שויב א קלאפּ טאָן, ווען אנטקעגן
זיך צעבליִען וועט מײַן אלטער קליאָן,
אָבער דעמלט זאָלסטו מיך ניט וועקן
זייער פרי, ווי פלעגסט אמאָל עס טאָן.

וועק ניט אוף די אָפּגעוועלקטע טרוימען,
ניט דערמאָן די אויסגעשעפּטע ליד,
אין מײַן לעבן כ׳האָב געטראָפן צופיל צוימען
און פון צופיל ווייטיק בין איך מיד.

שלעפּ מיך אויך ניט אין דעם גאלעכס שימל,
ס׳נעכטיקע האָט גאָרנישט ניט די ווערט.
דו אליין מײַן מאלעך ביסט פון הימל,
דו אליין — מײַן מאזל אף דער ערד.

זאָל דײַן הארץ ניט זײַן מיט שרעק פארצויגן,
טרויעריק, ווי ס׳איז דער בלעטערפאל,

אפן וועג ניט קוק זיך אויס די אויגן,
פון דער קעלט פארוויקלט אין א שאל.

1924

* * *

איצט מיר גייען שוין אוועק פאמעלעך
אין דעם לאנד, וווּ ס'איז ניטאָ קיין שרעק.
גאָר אינגיכן אויך זיך קלײַבן וועל איך
אין אָט יענעם טרויעריקן וועג.

הארציק ליבע וועלדלעך פון בערעזע!
איבער פליינען גייט ארום דער טאָג.
ווען איך טראכט פון דעם, וואָס איז געוועזן,
קאָן איך מער ניט אײַנהאלטן מײַן פלאָג.

כ'האָב, ווײַזט אויס, געליבט דאָס לעבן צופיל,
אוילעמהאזע אויסגעווײלט פאר זיך.
לויב צו די אָסינעס, וואָס אָן צווייפל
באָדן זיך אין דער לעוואָנע־ליכט.

כ'האָב באטראכט די וועלט נאָך פון די וויקעלעך,
טאָמיד זינגען לידער כ'האָב געשטרעבט.
און איך בין פון דעם אליין שוין גליקלעך,
וואָס איך האָב אף אָט דער ערד געלעבט.

שיינע פרויען כ'האָב געקושט מיט כּיעס,
גראָז געטאָפּטשעט און געריסן צוויט,

און די ברידער אונדזערע, די כּײַעס,
מיט קיין פינגער אָנגערירט כ'האָב ניט.

כ'וויס, עס בליִען דאָרט שוין ניט די וועלדער.
און דער שוואַנען־האַלדז באַם קאָרן וועלקט,
אָט פאַרוואָס כ'בין טרײַ די מענטשן, וועלכע
גייען אָפּ שוין אין אַן אַנדער וועלט.

קיינער וועט אין יענעם לאַנד ניט בענטשן
אָט די שעפּע, וואָס איז אונדז באַשערט,
זײַנען טײַער מיר דערפאַר די מענטשן,
וואָס מיט מיר זיי לעבן אויף דער ערד.

1924

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער,
באַריידעוודיקער די בערעזע ווערט.
די בושלען פליִען טרויעריקע שפּעטער,
ניט זשאַלעווענדיק דאָס, וואָס אויף דער ערד.

אין הוילן פעלד, מיט אָסיען א באַנײַטן,
איך שטיי אליין. די בושלען פליִען פרײַ.
עס רעדט צו מיר מײַן יוגנט די פאַרשײַטע,
נאָר כ'זשאַלעווע ניט דאָס, וואָס איז פאַרבײַ.

עס טוט ניט באַנק: פאַרשווענדעט יאָרן גרינע.
עס טוט ניט באַנק: די ווינטן זיך פאַרטרויט.

אין סאָד ברענט ווי א שײַטער די ריאבינע
און וואַרעמט קיינעם ניט, כאָטש זי איז רויט.

שוין אָפּגעקלונגען האָט דאָס גאָלד פון בלעטער,
באַריידעוודיקער די בערעזע ווערט.
די בושלען פליִען טרויעריקע שפּעטער,
ניט זשאַלעווענדיק דאָס, וואָס אויף דער ערד.

1924

שטייט דער קליאָן א הוילער

שטייט דער קליאָן א הוילער, פון דער קעלט פאַרפרוירן,
קליאָן, וואָס פאַלסטו קוירים, ווען די ווינטן לוי׳רן?

צי פון סטעפּ אין דערפל גייסט מיך אונטערפירן,
צי אַרויסגעגאַנגען פונעם דאָרף שפּאַצירן?

און, ווי בעגילופן, האָסטו ניט געטראָפן,
און, א פוס פאַרפרוירן, ועסט אין שניי הײַנט שלאָפן.

אוי, און איך בין שיקער. גיי דיר צו דער מאמען.
כ׳קאָן אהיים ניט טרעפן נאָך אזא מין ליאמע.

דאָרט עס שטייען ווערבעס, דאָ אָסינעס קרומע,
און איך זינג זיי לידער ווינטער ווען זומער.

מאָל דיר אויס, קיין ביסל כ׳האָב מיך ניט געמינערט,
איך אליין א קליאָן בין, אָבער נאָך א גרינער.

און אזוי — אָן כאַרפּע, און אזוי — מיט האָזע,
ווי א שאָכנס ווײַבל, קוש איך די בעריאָזע.

נאָיאבער, 1925

עדוארד באגריצקי (1934 — 1895)

די ליד וועגן אָפּאַנאַסן

(פראגמענטן)

...אלטע פּויערים זיך קלאָגן,
אז דאָס פעלד איז טרוקן.
"פאר דעם וועטער, — זאָגט די' קאָגאַן, —
דארף מען זיך ניט בוקן.
לאָמיר גערטענער באגיסן,
ס'פעלד פון ווינט פארשטעלן
און דעם סאמאָהאָן דעם וויסטן
א מילכאָמע מעלדן.
ביינע לעביינע וועט דעם רעגן
אייַער פעלד ניט מייַדן..."

דאָ מע שמועסט:
אף די וועגן
די מאכנאָוצעס רייַטן.
מיט א גוואלד און מיט א סווישטשע
צו דעם דאָרף פארקערווען:
"פראָדראָטריאדן באָלשעוויסטסקע
אף די שפּיזן, סטערוועס!"

ס'האָט מאכנאָ ביז טאָג ביז קלאָרן
דעם אָטריאַד פארשניטן.
קאָגאנען געכאפּט אין קאָרן
האָבן די באנדיטן,
צוגעפירט אים צו מאכנאָען,
יענער זיצט געלאסן,

צו אָפּאַנאַסן:

"מאַסקים פֿינעף גראַם אים באָרגן,
מיטן טויט זאָל צאָלן..."

"א גוט־מאָרגן, כאַווער קאָגאַן,
ביטע, קומט זיך גאָלן".

....

שושקען זיך געהײם די זאַנגען,
אָפּאַנאַס האָט מוירע.
צו דעם קאָרן צוגעגאַנגען
און די רו פֿאַרלוירן.
"זע, די ביקס איז אָנגעלאָדן,
גיב איך דיר אַן אײצע:
מאַך די פּלײטע באַלד, מײַן שאָדן,
כ'שיס דיר אין דער פּלײצע.
אויב, לעמאָשל, כ'וועל ניט טרעפֿן,
וועל איך שטאַרק ניט קלאָגן.
זאָל דאָס פֿעלד דיר זײַן א טרעפּל
אַף צו שפּאַנען, קאָגאַן..."
און דער ענטפֿער איז א האַרבער,
כאָטש געזאָגט צעשמײכלט:
"אָפּאַנאַס, באַווײַז דײַן אַרבעט,
טו זי אָפּ מיט סײכל,
זײַ זיך נויהעג אַף דײַן אויפֿן,
טרעף אין סאַמע פּינטל.
ס'טאָר א קאָמוניסט ניט לויפֿן
ווי א ליאַדע הינטל.
שטעל זיך פֿאָר, איך בין א באַלן
זען די קויל די שוואַרצע..."

אף דער ערד ער איז געפאלן
מיט א קויל אין הארצן.

....

....

ס'פרייען זיך די ענגע גאסן
אינעם שטעטל באלטע —
דאָרט מע פירט שוין אָפּאנאסן
איבער שליאך דעם אלטן.
איצטער זיך דערמאָנען לאָמיר:
ער מיט כאַיל ווייַסן
איז געגאנגען אף זשיטאָמיר,
אף וואפניארקע, הייַסין.
הייַנט עס פירן אים די רויטע
מיט גערעכטן צאָרן,
סײַ צו נויטן, סײַ צו טויטן,
דורך די קאָרידאָרן.
אויספרעגן מע וועט אים טרוקן,
דעם פסאק־דין אויך זאָגן,
און פון פעלד אף אים וועט קוקן
יאָסיף קאָגאן.

1926

ווסעוואָלאָד ראָזשדעסטווענסקי
(1977 — 1895)

* * *

אליין באם שרייַבטיש זיץ איך און איך טראכט:
ווי וועט זיך אופירן די ליד, וואָס איך האָב אויסגעדאכט?

אַט גיט זי גרינג א קריץ דאָס שנײַיק פעלד מיט שפּיצלעך,
און אַט זי טונקט אין שנײ די נאָז מיט קאָס און װיצן.
צולעצט אין שופלאָד ליגט זי אקוראַט פאַריגלט,
װײַל אױף צו פליִען די נעשאָמע האָט איר ניט געגעבן פליגל.

1920

* * *

א געקרױזלטער און טונקלער אראָפּשטאָנאַק,
װעמענס שעם אינעם ליציי איז שטאַרק,
האָט זיך צוגעזעצט, װי אױף א שטילן גאַנעק,
אױף דער באַנק דער בראָנזענער אין פּאַרק.

אַט דאָס באָכערל צװישן די ביימער אלטע,
װאָס פאַרשטייט די קלוגע יאָרשים אפן װונק,
אין דעם זעלבן אָרט פון פּאַרק דעם אלטן
איז אױף אײביק צװישן אונדז געבליבן יונג.

יאַנוואַר, 1947

* * *

זײ האָבן אין דעם פענצטער־כאַלעל
קײן ליכט ניט אָנגעצונדן מער.
איבער דער ערד, װי אין א כאַלעם
דער מוילעד — ס׳הענטל פון א שװערד.

אין בײן־האשמאָשעס די געזיכטער

מיט שאָטנס זײַנען אײַנגעהילט.
זי האָט געשוויגן. ער — ניט זיכער
באטראכט די ברעטער פונעם דיל.

ס'איז אינדערוײַט און אינדערנאָענט
מיט כמארעס אָנגעפילט די וועלט.
באם פענצטער אין דעם קאלטן אָוונט
איז אלץ שוין דאָ און אלץ נאָך פעלט.

א שאָטן פון דער שטילער שיידונג
וועט שפרייטן זיך איבער דער ערד,
דעם מוילעד וועלן האלטן ביידע,
ווי גלײַך דאָס הענטל פון א שווערד.

1976

ניקאָלײַ טיכאָנאָוו (1896 — 1979)

באלאדע וועגן צוועקעס

געראָיכערט לאנגזאם, פארצויגן זיך טיף,
מיט ניכטערע אויגן באקוקט די שיף.
„אכטונג, עקיפאזש! אָפּיצערן, פאָרויס!"
מיט טרוקענע טריט גייט דער עלטסטער ארויס.
„דעם האפן צוואנציק נאָל־נאָל מע פארלאָזט.
הייבט אוף דעם אנקער. דער קורס — אָסט.
ווער ס'האָט א ווײַב, א קינד אין דער וויג,
שרײַבט אָן, אז מיר וועלן ניט קומען צוריק.
דערפאר אָבער זײַן וועט א קעגעלבאן..."
און ס'הערט זיך דער ענטפער: „פאראן, קאפיטאן!"

פון אלע דער ייִנגסטער פּאַרקוקט האָט זיך סטאַם
אויף דער זון, וועלכע האָט זיך געקויקלט אין יאַם.
"ס'איז דען ניט אַלציינס, — האָט ער שטיל געזאָגט, — וווּ?
אין וואַסער איז גרינגער די אייביקע רו..."

דעם אַדמיראַל מ'האָט ראַדירט פאַרטאָג:
"דער יאַם האָט די טויטע העלדן באַקלאָגט..."

ווען פון מענטשן אָט־די מ'וואָלט צוועקעס געמאַכט,
וואָלטן קיין שום צוועקעס ניט געווען אַזוי האַרט.

1919 — 1922

* * *

אַ פריילעכער, אַ קונדעס, אַ רעציכעניק,
מיט מאַרסיאַנער דורשט צו שאַפן גוטס,
כ'זע: כאָטש עס איז דער הימל ניט קיין ציכטיקער,
נאָר די ערד איז פּרעכטיק מיט איר גוטס.

ס'לוינט אַפילו ווערן מיט איר קרויווים
און איר ליים פאַרמישן אויף מײַן פלאַם,
פראַווען יאָמטעוו מיט מאַלאָכים־קרוווים,[1]
יאָמטעווען אַ גאַנצן טאָג אין כראַם.

אויב כ'וועל ווערן מיד פון דעם געווימל
און ס'וועט מיך אַ צי טאָן צו דעם ראַנד,
דעמלט וועל איך בעטן גאָט אין הימל,
מיך באַשיצן זאָל ער מיט זײַן האַנט.

זײַנע געלע אַדוואָקאַטן זאָלן
אָפּזוכן אַ שטעל אין טריבונאַל

1 קרוווים (כרובים) — אַ געוויסע קיטע מאַלאָכים.

װעגן מײַנע ערדישע אמאָלן,
װען געהוליעט כ׳האָב װי די אָרדא.

1920

* * *

דער שײַטער און דער שטריק, די קויל, די שפּיז, די האַק
זײַנען אונדז נאָכגעגאַן װי שװײַגנדע מעשאָרסים.

פון יעדן טראָפּן האָט א מאַבל זיך געשפּרייט,
פון יעדן שטיין א באַרג האָט זיך געהויבן,
און אין דעם צװײַגל, װאָס צעטראָטן האָט מײַן פוס,
געהערט האָט זיך דאָס רױשן פון די ביימער.
מיט אונדז צוזאַמען האָט דער שעקער זיך געשפּײַזט,
דאָס קלינגען פון די גלעקער איז דעם מענטש דערעסן,
און דעם געקלאַנג האָט אָנגעװוירט דאָס מינץ,
פאַר מייסים האָבן קינדער שוין ניט מוירע.

דאָס ערשטע מאָל דערהערט מיר האָבן דאַן
די װערטער שיינע, ביטערע און גראָבע.

1921

פאַװעל אַנטאָקאָלסקי (1896 — 1978)

דער סאַנקיולאָט

ס׳איז געװען מײַן מאַמע א מאַכשייפע,
און מײַן טאַטע איז א גראַף געװען.
אירע קליידלעך, אָן די לאַנגע שלייפן,

האָבן זיי אױף װינדעלער פּאַרשװענדט.
צװיי פּאַרקילטע נעכט זי האָט געװאָיעט,
גייענדיק צו קינד אין ריװ מיט מיר,
און דער רעגן האָט מיך ניט געפּאָיעט,
נאָר באַשפּיגן און דערטרונקען שיר.
מ׳האָט באַשטראָפט מײַן מאַמע מיט געװיכטער,
זי געשלאָגן װײַל האָט א מאַנאַך.
אין די רױטע מאַנטיעס די ריכטער
זײַנען לעבן איר געשטאַנען װאַך.

אין פּאַריזש — א הונגער. װי די בינען
זשומען פֿײַנטשאַפֿט, סינע און פּאַראַט.
ס׳האַלט א רעדע בא די יאַקאָבינער
װעגן פֿרײַהײַט הייס אן אַדװאָקאַט.
האָב איך אים געזאָגט: מײַן הער, אַמערסטן
איז די פֿרײַהײַט פֿאַר דעם מענטש א נעס,
אָבער זאָג, צי האָט א זינען מעסטן
צוליב דעם די הױקערס און די נעז?
איז דעריבער — בעסער שױן פֿאַרפֿירן,
קעפּ אױף פּיקעס זײַן זאָלן א טרייסט.
דו ניט רעד, מײַן הער, פֿון א פּאַפּירל,
ס׳אײַזן שמיד, קאָלומאַן עס איז נאָך הייס.
אָט דער רעדנער האַלט מיך פֿאַר א הונט,
מיטן פֿוס ער שטורכעט מיך אָן זאָרגן:
״װייס, אַז אונדזער גוטסקײַט איז — פֿאַרנונט,
אונדזער דרייסטקײַט — רײַסן זיך דעם גאָרגל.
אונדזער לױן — דער רוער נעמען זאָל אים —
איז דער רעװוער פֿון א פּוסטער שפּיל.
אונדזער רעכט — דאָס רעכט פֿון שלימאַזאָלים,
און װערסאַל — א מיִעסע קאָרטנשפּיל...״

ס'האָט געהערט דער אדוואָקאט אָן אופהער,
אז טיראַנען לעשן אויס די שײַן.
און ער האָט קאָל־קוירעסדיק געהופן,
דאנקבאר זאָלן אונדז די יאָרשים זײַן.
אָבער מיר אליין (די וועלט ניט שוינען
איז פון שטענדיק אונדז געוועזן באשערט), —
מיר געשאָלטן האָבן די האמוינים,
ס'לעבן האָט קיין גראָשן ניט די ווערט.
כ'האָב געקריגט זיך און געמאכט סקאנדאלן,
גאזלערײַ געשאַצט ווי גאָלע גאָלד,
און פאר דעם געהאט כ'האָב טריבונאלן,
איבער דער גוירל האָט עס נאָר געוואָלט.
מ'האָט מיט יושער זיך צעצאָלט פאר אלץ,
און דער פּנים אין שיינע פאַעטאָנען
איז ארומגעפאָרן. ברויט־און־זאלץ
טראָגט דער אוילעם אונטער די פאַטראָנען.
נאָר געטרייסלט האָט זיי, און געבעטן
האָט דער פּנים מעכילע אפן ווינק
בא די קורצע וואַגיקע דעקרעטן,
וואָס ווי טעאָרעמעס זײַנען קלוג.

ווינטן, באראבאנען און טרומייטן.
און פריקלאדן קלאפּן אין דער ערד.
דאָס יאַוואַניש לעבן איז געקייטלט,
ס'איז מיט קרומען פוס מארשירן שווער.
אלע שלאָגן אָפּ די פיס ביז טרערן,
בייסן מארש די ליד איז הויך און רוי,
און איעדער קאָן פארביטן ווערן
מיט א שאָכן אין דעם גלײַכן סטראָי.

.1925

איליא סעלווינסקי (1899 — 1968)

* * *

געגליכן צו א צוואַק איך בין, באַרעכן:
מ'האָט מיך אַרײַנגעקלאַפּט אין לעבן ביזן דעכל.
אָפּט טרעף איך אָן אויף עמעצן א שטרענגן,
וואָס מיך אַרויסציִען ער נעמט זיך מיט א צוואַנגל.
נאָר זײַענדיק א צוואַק לויטן באַרוף, צום גליק,
איך קאָן ניט, ווי א שרײַפֿל, זיך אַרויסדרייען צוריק.

1966

דער פּאָרטרעט פֿון א מיטצײַטלער

אין דער טורמע, אינעם לאַגער, אין דעם לאַזאַרעט —
זעכצן יאָר. ניט אָנגענומען זיך מיט סייכל.
דאַן מע האָט געבראַכט צו פֿירן אים אין קאַבינעט:
— ס'איז געווען א מיספּאַרשטייעניש... זײַט מויכל.

איז דער בירגער דער סאָוועטישער אַרויס
אויף דער פֿרײַ, רעאַביליטירט אינגאַנצן.
יענע זעכצן יאָר פֿאַרלאָרן בלויז.
און פֿון גליק ער לאָזט אָוועק זיך טאַנצן.

אין ראַסייע אַלץ־אַרום עס איז ניט עמעס,
כוץ אליין ראַסייע.
מיט א רעמעז.

1956

אין לענין־סטאַלין־מאַוזאָליי

כ׳האָב דערזען זיי
ביידע איניינעם פּלוצעם
און גלייב ניט
די אייגענע אויגן דערפאַר:
אין צוויי סאַרקאָפאַגן
צוויי כאַלוימעס פון דער רעוואָליוציע:
איר טרוים
און איר קאָשמאַר.

1956

א ליד

אױף דער לאַנקע אויבנאָן
גאָר באַזונדער פון דער טײַגע,
שטייט מײַן פרײַנט, דער אלטער קליאָן
אין א טונקל־גרינער מײַקע.

ווען איך בין אין פעלד געקומען,
האָב איך גלײַך זיך אָפּגעשטעלט
בא דעם קליאָן, צי בא דעם זומער,
צי בא אָט דער גאַנצער וועלט.

כ׳זע: דעם אלטן קליאָן, אין טאָך,
איז דערעסן שטיין און שווײַגן,
האָט ער זיך צערוישט, צעקאָכט
און צעוואָרפן ברייט די צווײַגן.

טאַנצנדיק אוועק זיך בויגן
דאָס אויף לינקס און דאָס אויף רעכטס,
מיטן ווינט א ליד פאַרצויגן —
דאָ א פֿײַף און דאָרט א קרעכץ.

אויף דער לאַנקע — וואָס קומט פֿאָר?
בעגילופֿן בין איך ווידער?
כ'נעם דאָך ניט די צווייטע וואָך
אינעם מויל א טראָפּן ביטערס.

ס'איז א רעטעניש, וואָס דאָך
טרעפֿן וועט די ליבע קאָנען:
פֿאַר א מענטש, וואָס איז פֿאַרקאָכט,
טאַנצן הײַנט אפֿילו קליאָנען.

1968

ניקאָלײַ אושאַקאָוו (1899 — 1973)

ווײַן

איך ווייס,
מע דאַרף ניט זײַן דערהויבן,
מיט סוידעס אויך ניט זײַן באַקאַנט,
צו קוועטשן פֿאַרן ווײַן די טרויבן
מיט שווערער אײַנגעשפּאַרטער האַנט.

דער ווײַן איז שטום.
און יאָרן וועלן
אין קעלער זײַן פֿאַרשטאָפּט, ווי ווײַן,

קאָלזמאַן ס׳וועט עמעצן געפעלן
דאָס פּעסל ברענגען אױף דער שײַן.

און שענקל פלאַפּלען אַלע גערן,
עס דרייט זיך אויש בא מיר דער קאָפּ,
און דאָך —
איך זאָג, אַז אַלץ כ׳וועל הערן,
וואָס פון דער צונג עס וועט אַראָפּ.

כ׳פאַרשפּאַר די ווערטער, ווי אין שטײַגן,
זיי האַלטן אויף זיך שטילערהייט.
וואָס מער עס דויערט אונדזער שווײַגן,
אַלץ מערער סייכל אין די רייד.

1926

מײַסטערשאַפט

קאָלזמאַן פון ליים אַ פאָרם אַ נײַע
דער טעפּער מאַכט
מיט זײַנע קלעפּ,
אויך דו אַרום דער אַקס געטרײַער
דעם ערדקויל דריי,
ווי ער — די טעפּ.
עס איז די וועלט נאָך רוי־געבאַקן,
גיב צו סײַ שנעלקײַט איר, סײַ דראַנג
און שלאָג זי, שלאָג זי אין די באַקן,
ביז ליים וועט קריגן אַ געדאַנק.

1935

אלעקסיי סורקאָוו (1899 — 1983)

אין זעמליאנקע

אין זעמליאנקע באַם אייוועלע כ׳זיץ.
טראָפּנס קליי פונעם האָלץ פאלן שווער.
די הארמאָניקע קלאָגט זיך און זיפצט,
און אין אויג מײַנעם פינקלט א טרער.

ניט פאראנען צו דיר איז א באַן,
צווישן אונדז ליגן פעלדער פארשנייט.
כ׳גיי און גיי און בין נאָך ניט דערגאַן,
ס׳איז פארבליבן א שפּאַן ביזן טויט.

שפּיל, הארמאָניקע, קעגן דעם ווינט,
דאָס פארבלאָנדזשעטע מאזל זוך אָפּ.
אין דער קאלטער זעמליאנקע זיך שפּינט
אונדזער גליק, וואָס פארדרייט אזש דעם קאָפּ.

27 נאָיאבער 1941

* * *

עס דוכט זיך מיר אויס, מיט עלטער איז קיינער צו מיר ניט גלײַך:
ס׳דרייט זיך פיר הונדערט יאָר פון מײַן לעבן די ראָד,
פיר הונדערט מאָל נאָכאַנאַנד איז פארפרוירן געוואָרן דער טײַך,
דער עפּלבוים שוין פיר הונדערט מאָל אין מײַן סאָד.

איך טראכט וועגן דעם, אז דאָס לעבן קאָסט טײַער שטארק,
באַם אָנהייב — מילכאָמע און ווידער מילכאָמע באַם סאָף,
און דאַן, ווען מע שיסט ניט — א טומל, א ראַש אפן מארק,

3די נויט טרײַבט דעם מענטשלעכן מין, ווי א סטאדע צעטומלטע שאָף.

און כ'טראכט וועגן דעם, אז די צײַט איז דער שווערסטער באריער,
עס שטעלן אוועק זיך פיר הונדערט טהאָמען דעם מענטש אפן וועג.
געגאנגען אהין, וואָלט איך ניט געקומען צוריקוועגס אהער,
ווען כ'וואָלט זיך געהאלטן אין לעבן בא עפּעס א רויִקן ברעג.

דער שנײ האָט באדעקט און דערווארעגט דאָס זשוכלע פארטריקנטע גראָז,
פארקילט איז דאָס וואסער אין טײַך, וואָס וועט ווערן באלד אײַז.
פיר הונדערט מאָל ביז אצינד כ'האָב דעם ערדישן וועג ניט פארלאָזט,
און ס'דוכט זיך מיר אויס, אז איך האָב דאָ מיט גאָרניט געגרײַזט.

1957

וולאדימיר נאבאָקאָוו (1899 — 1977)

* * *

ווען גיין איך וועל צום גאנײדן, העכער
איבערן לייטער, וואָס שטייט אף דער ערד,
וועל איך האלטן א קלומעק מיט פארשטשאָבעטע לעכער,
אָנגעטאָן אף א דרענגל, דרײַ גראָשן די ווערט.

אָט זײַנען די שליסל צו טויערן שטרענגע,
פּיאָטערס טרוקענער פליק און דער לעדערנער פּאס.
פּיאָטער וועט זען, אז איך וויל מיט זיך עפּעס ברענגען,
וועט ער דעם טויער פארמאכן מיט קאס.

"אפּאָסטאָל, — כ'וועל זאָגן, — ס'אַן אולע. ווי קאָן מען?" —
און ווײַזן, וואָס מיטנעמען וויל איך מיט רעכט:
א פּארקישעפּטע שקיע, א פּרוויישן נאָמען,
פונעם היימלאַנד פון מײַנעם א הרודקעלע ערד...

ניט לאַנג וועט שוין אויסקומען דאַן צו וואַרטן.
צו מיר וועט ער ווענדן זײַן דלאָניע מיט גנאָד,
זי שמעקט נאָך מיט ליסקע פון די פיש אינעם יארדן,
מיט גאַנצפרײַקן טוי אין געפּסימאַנער סאָד.

און דערפאַר כ'וועל אַן וואַקלעניש, אַן מאַרעשכוירע
שטיין און וואַרטן דאָ, וויפל ס'וועט סטײַען קויך,
דער אפּאָסטאָל פּיאָטער וועט עפענען ברייט דעם טויער
און דורכלאָזן אין גאַניידן מיך, און מײַן קלומעקל אויך.

2 מײַ 1923

א כאָלעם

א רעגן האָט געשווענקט די גאַסן,
דער שלאָף געווען איז טיף און לאַנג.
ס'האָט אופגעעפנט גאָט זײַן קאַסטן,
א זיסן כאָלעם מיר דערלאַנגט.

אין שטוב עפּעס אַן אומרו לויערט,
פּונקט ווי א פיש זיך טוט א וואַרף.
איך זע אין שלאָף א וועג א בלויען
דורך שאָטנס טיפע פון א דאָרף.

די וואָלקנס מינען זיך און בלאָנקען,
די פור — געשפּאַנט מיט פערדלעך צוויי.
כ'האָב ערשט געקאָסעט אף דער לאָנקע,
און איצטער פיר איך אַפ דאָס היי.

די גאַנצע צײַט האָט אין דער פֿינצטער,
מיט רעגן אָטעמענדיק אָפּט,
געסקריפּעט סוידעספּול דאָס פֿענצטער
בא יעדן אומדריי פֿונעם שלאָף.

און איך אין דרעמל אין דעם בלויען
האָב ניט געוווּסט וווּ אײַן, וווּ אויס —
צי אין דער נאַכט א גאָזלען לויערט,
ווען ס'פֿענצטער קרעכצט פֿון יעדן שטויס,

צי די ראָמאַשקע ווייך מיך קיצלט
אין היי אין וואַרעמען, ווו כ'שלאָף,
און דער סווערטשאָק הערט אויף צו קריצן,
ווען צו מײַן כאָלעם נעמט א סאָף.

1925

צעשיסונג

עס טרעפט באַנאַכט, איך לייג זיך נאַרוואָס —
קיין רוסלאַנד שוימט אוועק דאָס בעט,
און כ'זע: מע פֿירט צום טאָל מיך באָרוועס,
און דאָרט צעשיסן מיך מע וועט.

איך כאַפּ זיך אויף. ס'ליגט אפֿן טישל,
פֿאַר מײַנטוועגן גוט באַשטאַט,
געצילט אין קאָפּ, וואָס אפֿן קישן,
א רער — דעם זייגערס ציפֿערבלאַט.

אין איין סעקונדע אָפּגעווויגן
די שווערע זינד, וואָס ביז אהער,
איך וואָג ניט אָפּפֿירן די אויגן
פֿון אָט דער פֿײַערדיקער רער.

נאָר ס׳הערט זיך אין דער שטילקײַט בוילעט:
״טיק־טאק״, ״טיק־טאק״. דער זייגער שלאָגט.
און איך דערמאָן זיך, אז — א פּאַליט,
א היטונגס־גראמאַטע כ׳פארמאָג.

און ס׳ווילט זיך אף אן עמעס וויסן
אצינד, און ניט קיין אנדערס מאָל:
באנאכט אין רוסלאנד — די צעשיסונג,
פול מיט טשערי־אַמוכע דער טאָל.

בערלין, 1927

אין גאניידן

נעשאָמע מײַנע, גאנץ באשיידן
שויין נאַכן טויט דו זעסט מיר אויס:
פון דער פּראָווינץ — גלײַך אין גאניידן,
צו דער נאטור א שוטעף בלויז.

דאָרט דרעמלט שטיל דער ווילדער מאלעך,
אף האלב א פּרעכטיקער פּאווילין,
צו אים ניט גרויס איז דער מעהאלעך,
גיי באלד מיט גרינגע טריט אהין.

וועסט אים באשרײַבן אָן א טאָעס,
מיט פּראָטים פּינקטלעכע א שלאל,
נאָר אין גאניידן — דאָרט ניטאָ איז
קיין לייענער און קיין זשורנאל.

דו שטייסט, פונקט ווי אף א לעווײַע,
מיט שטומען גרויל און מיט פארדראָס:
די דאָזיקע באכיינטע כײַע
באשרײַבן וועסטו צוליב וואָס?

ווּ איז די וועלט מיט די כימערן,
מוזייען, טשוטשעלעס פון געגנדז?
אף דעם גאניידן קוקסט דורך טרערן
און זוכסט אין הימל דאָס און יענץ.

בערלין, 1927

לילית

איך בין געשטאָרבן. אלע ליידן
זיינען ניטאָ שוין. כ'האָב דערזען
אן אנדער לאנדשאפט. דער גאניידן
האָט מיך געטראָגן אף די הענט.

און פלוצעם, מיט א דלאָניע, ערדיש
פארשטעלנדיק זיך פון דער זון,
ניט קאָנענדיק פארליידן מער נישט
די היץ, וואָס שטארקער ווערט דערפון, —

האָט באם אריינגאנג זיך באוויזן
א מיידעלע, אינגאנצן הויל,
מיט רויטע שפראָצן אין די בריסטן
און מיט א לילְיע אין מויל.

ס'האָט אופגעבליצט דאן אין מיין מויער
א וועסנע אף דער ערד, פארטאָג.
עס האָט א רעגע בלויז געדויערט,
און ס'האָט דאָס בילד באקומען וואָג:

דעם מילנערס טאָכטער, די מיזינקע
ארויס פון וואסער איז, וואָס פליסט,
און כ'האָב דערזען מיט נאסקייט פינקלען
א בערדל צווישן אירע פיס.

און אַט אצינד (אין פראק אין זעלבן.
אין וועלכן מ׳האַט דערהארגעט מיך),
כ׳האָב פרעך געזאָגט ליליטען: "זעלט!
אזוי ווי איצט, און אומגעריכט,

א פרוויש לײַב האָט מיך געטראָפן —
אזוי ווי איצט דײַן קינדערש לײַב...
זי האָט געקוקט אף מיר פארשלאָפן,
ווי ס׳פירט זיך אינעם בעט א ווײַב,

מיט גרינעם אויג א שטאָך געגעבן
און אופגעהערט מיך זען מיסטאם.
ווי מיט בענזין באגאָסן, כ׳לעבן,
מײַן קלייד אוועק איז מיטן פלאם.

ליליט לייגט צו די פינגער קאלטע
צום פײַער, וואָס איך האָב געבראכט,
און ניט געהיים און ניט באהאלטן
זי גיט א שמייכל צו דער נאכט.

"אהער..." — באווײַזט זי מיטן פינגער
און לייגט זיך צו, ווי ס׳איז פארפירט
אין אזא פאל. גלײַך פליגל פלינקע,
די קני צעפירט זי צוליב מיר...

ווען אלץ איז שוין געווען בעמיילע
בארויבט פון ניכטערן פארשטאנד,
האָט זי אָן מי, אפילע פריילעך,
פון מיר פארשטעלט זיך מיט דער האנט,

די פיס פארקוועטשט, זיך אײַנגעוויקלט
אין עפעס א וואל, און דאן

איך האָב דערזען זיך אין א ווינקל
בא א געהיימניספולער וואנט.

צוערשט כ'האָב צו ליליט געשריגן:
"לאָז מיך אריַין אין דיר, דו שלאק!"
און ווען זי האָט מיך אָפּגעטריבן,
האָב איך זיך קאָפּ אין וואנט געקלאפּט.

"לאָז מיך אריַין, דו וואנט!" אויב ניט,
האָב איך געדראָט די וואנט צענעמען.
און אָט... דערהערט האָבן זיך טריט,
און מ'האָט מיך דורכגעלאָזט אין גענעם.

בערלין, 1928

באם פענצטער

דאָס שכיינעסדיקע הויז זעט אויס פאַרשלאָפן,
מ'וועט אינעווייניק מער שוין גאָרניט טאָן.
דאָס פענצטער האָט מען איבערגעלאָזט אָפן,
פארגעסן אויך א שטול אפן באלקאָן.

און מיטאמאָל, ווי מ'וואָלט אן אויג געעפנט,
א לעמפּעלע גיסט אויס פון זיך די שעפע,
ס'גייט צו א פרוי צום הויכן שראנק.
דאָרט גלאָז און ליכט צעפינקלען זיך איניינעם,
די קויסעס שטייען אָנגעגרייט, און איינעם
די פרוי מיט צערטלעכקייַט דערלאנגט.

עטוואָס פארהייבט די געלע קלייד און איַליק
גייט צו צום ווינקל, אין א קורצער וויַלע
שליסט אויס די שיַין. מע הערט: טריק־טאק.

דערווײַל פון ערגעץ שפּרייט זיך ליכט א סטעזשקע,
די שײַן אפן פּאַרקעט — ווי א מערעזשע,
און פינצטער ווערט, ווי אין א זאק.

איך ווייס ניט, וואָס געשען איז, וואָס פאַרלאָפן,
פונוואַנען אזא פרײדיקער געפיל.
ס'איז גרויס די כאָכמע — אזש ביז די איינסאָפן,
און אלץ אין לעבן האָט א ציל.

1930

בא דעם זון־פארגאנג

אפדערנאכט, בא דער זעלבער באנק,
ווי אמאָל, יאָרן־ווײַט, יאָרנלאנג;
בא דעם זון־פארגאנג, און מיט א טנײַ,
ס'זאָל דער מײַ־זשוק זיך טראָגן פארבײַ,
און די באנק עטוואָס שטיין זאָל ניט גלײַך
אפן ברעג פון דעם ראָזעווען טײַך;
קעדיי זען זאָל איך דײַן געשטאלט,
טו א שמייכל, דאָס פּאָנעם באהאלט, —
אויב נעשאָמעס פון טויטע, צום גליק,
וואָלטן קאָנען זיך קערן צוריק...

בערלין, 1935

* * *

איך דאנק דיר, היים, אין די געדאנקען,
דײַן שטיפקינד בין איך און דײַן קינד.
פאר בייזער ווײַט איך קום דיר דאנקען,
איך רעד מיט זיך אליין אצינד.

באנאכט אין שלאָף כ׳פּרוּוו זיך ארומזען,
ווען ס׳פעלט צום טאָג איין אויגנבליק:
צי ס׳בעלעבעטשעט נאָך מײַן אומזין,
צי שטארקער הערט זיך דײַן מחיק.

פונעם ראָמאן " Дар. ", 1937

מיכאיל איסאקאָווסקי (1900 — 1973)

דער פארטאָג דרעמלט אײַן

דער פּאַרטאָג דרעמלט אײַן בא די מילן,
אין א כאָלעם דאָס דאָרף איז פארטאָן.
בלויז עס הערט זיך מיט בענקשאפט דאָס שפּילן
פון אן איינזאמער שטילער הארמאָן.

הארמאָניסט, קום ארויס פונעם גאָרטן,
בא די פענצטער דעם אָטעם האלט אײַן,
ווי געזוכט וואָלסטו עמעצן דאָרטן
בא דער קנאפּער לעוואָניקער שײַן.

עס איז טונקל דער סאָד אין באגינען
און דאָס פעלד זעט אויס אָרעם און וויסט.
זײַ זיך מוידע, וואָס האָסטו אין זינען,
ועמען זוכסטו ארום, הארמאָניסט?

עפּשער קוקט זי ארויס פון א פענצטער
און באהאלט פונעם דרויסן דעם קאָפּ.
וואָס זשע בראָדיעסטו אום אין דער פינצטער
און דעם שלאָף בא די מיידלעך נעמסט אָפּ.

1945

מיכאיל סוועטלאָוו (1903 — 1964)

צוויי

ווי צוויי מאלאַכים, פון הימל אראָפּ,
געלעגן אין שײַטערס שײַן.
די קויל, וואָס געטראָפן האָט איינעם אין קאָפּ,
דעם צווייטן אין מויל איז אריַין.

ווײַזט אויס, אז דעם איינציקן פולעמיאָט
ווי ס'אויג אין קאָפּ האָבן געהיט
באם לעבן די צוויי, און אצינדער האָט
דער טויט זיי די הענט געבריט.

עס האָט בא די הענט זיי דער אָפּיצער
גענומען און אָפּגעשלעפּט,
און שלעפּן די קערפּערס געווען איז שווער,
פונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט.

פאראן איז אזוינס אין זייער געשטאלט,
וואָס פריש איז אזוי ווי דער שניי.
און פלוצעם געוואָרן דעם דריטן איז קאלט
פון שרעקלעכן גליק בא די צוויי.

1924

דער איטאליענער

פון נעאַפּאָל אין רוסלאנדס סטעפּעס —
ביסט געקומען דאָ זוכן עפּעס?
וואָס געשטערט האָט דיר לעבן גליקלעך
דאָרט, ווו לעבסט פון די סאמע וויקעלעך?

באַ מאַזדאָק האָב איך דיך דערשאָסן,
ניט באַ אײַך דײַן הייס בלוט פֿאַרגאָסן.
און ווען ניט דער מילכאָמעס בעהאָלע,
כ'וואָלט געשיפּט זיך אין אַ גאַנדאָלע.

פֿון דער וואָלגע ביז ווארעמען אײַנגוס,
ביז נעאַפּאָל, וואָס איז דײַן אייגנס,
וואָלט איך דורכגעגאַן, ראַפּאַעלן
קעגן רוסישע געניס ניט שטעלן.

נאָר אין קאַנט, וווּ די שנייעלעך ווימלען,
וווּ דער פֿליִין איז מיט ווײַסקײַט פֿאַרצויגן,
איך האָב מיט מאַזדאָקער הימל
פֿאַרגלאָזט דײַנע טויטע אויגן.

1943

יאָסיף אוטקין (1903 — 1944)

דערציילונג וועגן דעם געלן מאַטעלע

(פֿראַגמענטן)

געליטן האָט צאָרעס געבראָטענע
אויף יעדן ווענד און קער
דאָס געלע ייִנגעלע מאָטעלע.
פֿון קינדווײַז געהאָרעוועט שווער,
און כאַטש געגעבן אַ ניידער,
אַז לערנען מיט פֿלײַס ער וועט
די אויסיעלעך קליינע אין כיידער, —
געוווּסט בלויז פֿאַסטריגעס און נעט,
אַ לאַטע געלייגט אויף אַ לאַטע,

דעם פּאַסעק געהערט דערײַן,
אַז די זשידעס פאַרכאַטע
קאָנען קיין שנײַדערס ניט זײַן.
געטיערפּעט ער האָט די אולע,
דורכגעלאָזט ס'פּלאַפּלען צעמישט,
פּרײַטיקצונאַכטס געדאַוונט,
שאַבעס געגעסן פיש.

....

די ייִדן בעטן און מאָנען,
צום הימל פאַרײַסן די קעפּ.
א יאַרמעלקע — די לעוואָנע,
די שטערן — ווי קנעפּ.
עס אײַלט זיך דער שנײַדער, זײַן טירכע
מח אָפּטאָן מיט ליד און מיט פרייד:
פאַר וועמען נייען טאַכריכים,
פאַר וועמען — א כאַסענע־קלייד.

....

אוי־ווײ, די שטאָט גייט פאַרפאַלן.
ייִדן, וויינט און קלאָגט.
זײַן טאַכשיט מאַלען
האָט כאַים בעז
זיך אָפּגעזאָגט!
אין קעשענעוו איז עס א נײַס א גרויסע.
אײַ, ס'איז בעפּיירעש ניט גוט.
כאַים בעז
האָט געזאָגט: "ראַבויסײַ,
גענוג שוין פאַרגיסן בלוט..."
אויב איר ווילט,

לאָמיר פרעגן דעם רויפע,
ער ווייסט פון דעם איניען די קונץ.
פון אונדז צו גאָט איז פּונקט אזויפיל,
וויפל פון גאָט צו אונדז.

....

וואָס הייסט עס —
א מענטשנס ווילן?
סע גייט דען אין מענטשן, האַ?
פאַראַן אזוינס, וואָס איז ווערט א גילדן,
נאָר דער מענטש וויל א סאַך.
ער שטופּט זיך, לעמאַשל, טיי טרינקען,
א כראָמטשע טאָן צוקער ער לעכצט...
דאכט זיך, דער מענטש וויל פריילעך זינגען,
נאָר ס'באקומט זיך א קרעכץ.
נו, שטעלט אייַך פאָר, אז עס וואָלט געווען
אן אנדער לופט, אנדערע דעכער.
דער זעלבער מענטש, נאָר אנדערש געווענדט,
ער וואָלט געווען מיט א קאָפּ העכער.
פאר א פויגל
דאָס וויכטיקסטע
איז די נעסט,
נאָר ס'קאָן ניט פארשטיין עס דער אייזל.
נעמט מאָטעלען — ער זיצט שוין פעסט
אין א קאבינעט א בייזן.
אף דער גאנצער גאס, אין דער גאנצער שטאָט
די צייַט האָט צעלייגט אן אנדער פעכער.
וווּ איז דער פּאָקוס? וווּ איז דער סאָד?
אן אנדער לופט, אנדערע דעכער!
אָ־אָ די צייַט, זי איז נאָענט און וויַיט,

צעפּאַלט זיך אַף "נעכטנס" און אַף "אַצינדן",
און אויב פאַר די נײַע איז געקומען די צײַט,
הייסט עס, אַז די אַלטע דאַרפן פאַרשווינדן.

1925 — 1924

פֿאָלקסליד

— אַנו, עפֿן אויף די טיר,
טו אַ קוק, ווער ס'וואַרט אַף מיר.
— ס'איז אַ שלעפּער, אַנושקאַ.

— גיב אים שנעל אַ שטיקל ברויט.
ס'פֿאַלן שאָטנס אַפֿן פּלויט...
— פֿון די בינקס, אַנושקאַ.

— גיי פֿרעג אָן זיך בא דעם שאָטן,
פֿון וועלכן פֿאָלק און ראָטע?
הער זיך צו צו זייער וואָרט,
עפּשער מילך געבן אַ קוואָרט?

— כ'וועל ניט פֿרעגן, אַנושקאַ,
ווײַל די ווײַסע גייען דאָרט,
ווײַל אַ רויטן פֿירט מען דאָרט.
דאָס איז, אַנושקאַ, דײַן ליבער,
און מע פֿירט אים צו די גריבער...

1939

ניקאָלײַ זאַבאָלאָצקי (1903 — 1958)

דאָס מיִעסע מיידעלע

צווישן די קינדער, וועלכע שפּילן זיך אין גאַס,
אָט דאָס מיידעלע איז אַף אַ זשאַבע ענלעך,
די פּלייצע אויסגעקרימט, ווי גלײַך זי טראָגט אַ לאַסט,
דאָס מאַנטעלע אָן קנעפּ, די שיכעלעך אָן בענדלעך.
און ווײַל אין קרומען מויל סע סטאַרטשען קרומע ציין,
באַ איר איז דער געלעכטער ענלעך אַף געוויין.

אין גאַס ניט בלויז די קינדער, נאָר די עלטערן אויך רעדן,
אַז ייִנגלעך צוויי האָבן געבראַכט אין הויף וועלאָסיפּעדן,
אַצינד ווי דולע טראָגן זיי זיך הין־און־הער אַרום
און זי — נאָך זיי, אַ ווילדע, מיט געברום.

די פרעמדע פרייד פרייט איז אויך פאַר איר אַ פרייד,
פון ביידע ייִנגלעך קוועלט זי אָן צעשמייכלט
און ביידן שענקט זי בליקן שטילערהייט,
און אַלע זעען, אַז זי טוט דאָס אַלץ מיט סייכל.

ניין, ניט קיין קרומע גענג, קיין מיין קיין ווײַטן
עס ווייסט נאָך ניט דאָס קינד ס׳פאַרשײַטע,
און עס איז שווער צו טראַכטן, אַז אַ פּלאָג
וועט איבערלויפן איר דעם וועג אין יענעם טאָג,
ווען זי דאָס ערשטע מאָל וועט זיך דערוויסן,
אַז צווישן מיידלעך־כאַווערטעס זי איז די מיִעסע.

כאָטש טאַקע ס׳איז אַזוי, איך ווייס אָבער און גלייב:
די קינדערישע גראַציִע פון איר נעשאָמע
שלאָגט דורך אַ וועג זיך מיטן קויער פון אַ לייב,
ווען שטאַרקער פון דער נויט איז די נעכאָמע.

יאָ, אויב דאָס איז אזוי, איך פרעג דאן אײַך בעמיילע:
ס'איז שענקײַט־צוליב לוסט? וואָס טאָן די שענקײַט מוז?
א קיילע איז זי עפּשער, וואָס איז פּוסט,
צי גאָר דאָס פײַער, וואָס מיר זעען אין דער קיילע?

לעאָניד מארטינאָוו (1905 — 1980)

דער קינסטלער

דער קינסטלער געמאָלט האָט
זײַן טאָכטער
ניט שלעכט,
געשטאנען דער אוילעם
איז שטיל באם מאָלבערט.

דערנאָך פאר דעם זון
נאָך איין בויגן געבראכט,
געשטאנען דער אוילעם
איז אלץ
און געווארט.

עס האָט אזש
דעם קינסטלער
געשטיקט א געוויין,
און אָנמאָלן האָט ער
באשטימט
זיך אליין.

דער אוילעם איצט לויבט
דעם פּאָרטרעט אָן א שיר,

און איינער געזאָגט האָט:
— אָט דאָס זײַנען מיר!

1954

וואסער

דאָס וואסער
ווילִיק איז
זיך גיסן.

ס'איז ברייט דער וועג
און ווינט — א סאך.
דאָס וואסער טרינקט מען ניט אומיסטן,
אומזיסט־אומנישט עס וועט ניט פליסן...

און ס'איז פּאַשעט אָט די זאך.
עס פעלט אן איווע יענעם וואסער,
א ווײַסע ליליע, א בלאסער
לעוואָנע־שטעג איבערן טײַך,
און אלטע שיף, וואָס טראָגט זיך לײַכט
איבער דעם כוואליעדיקן ראכוועס.

עס פעלט דעם וואסער אזא טאכלעס,
ווײַל דיסטילירט עס איז, געמיין,
שוין צופיל ריין,
יאָ, צופיל שיין.

1957

* * *

דו
קוקסט אף מיר
ווי אף דעם פעלד.
דו קוקסט אף מיר
ווי אף דער קעלט,
ווי איך אליין
קוק אף א שטיין.

איך
בייזער זיך?
אזוי דארף זײַן!

עס קוקט אזוי
די העלע שײַן
אף כאשכעס.
אזוי אף ענגשאפט קוקט
דער ראכוועס.

1961

דער כאָלעם פון א פרוי

איינע א באַיאָרטע פרוי,
א ווײַלע,
האָט געזען א כאָלעם. פונקט ווי זי
וואָלט א זונען־שטראל מיט הענט מיט הוילע
אָנגעכאפט און ס'טוט דער שטראל א ברי
און א קיצל און א שטאָך די הויט איר.
סילעוועט זי אָט דעם שטראל ארײַן

אין א נאָדל. און עס איז שוין לויטער
אויסגעגנייט א בלום פון העלער שײַן...

כ׳האָב דער פרוי געזאָגט: א גוטער כאָלעם
איז עס!
אויב א קווייט מע נייט שוין אויס מיט זון,
וועט פון דעם ארויס ניט קיין רעכילעס,
און קיין שלעכטס וועט אויך ניט זײַן דערפון.
ס׳קומט דער כאָלעם דאָך פון לופט פון ריינער,
וו עס פוילט ניט און עס רײַסט זיך ניט
ס׳גינגאָלדענע בײַוועלע דאָס שיינע,
וואָס די נאָדל ווערט פון דעם צעגליט.
„גלייבט מיר - ס׳האָט אזא מין נאָדל־פאָדעם
ניט געכאָלעמט זיך קיין נייטאָרן קיין שום".

„אוי, וואָס רעדט איר!.."

פון דעם כאָלעם אָט דעם
די באַיאָרטע פרוי גייט קראנק אזש אום...

1965

* * *

וואָס טוט זיך דאָרטן,
אין די הימלען? —
כ׳זע פייגל, פייגל אָן א שיר,
זיי פליִען,
פלאטערן
און ווימלען,
און ס׳ווערט די זאך דערעסן מיר.

היי, אָן א טאָלק זאָלט איר ניט שוועבן!

גלײַכט אויס אין שנידלער זיך געשווינד,
צי עפּשער גאָר דרײַעקן, כלעבן,
געשאפן וואָלט איר אפן ווינט?

נאָר זײ זיך קוילערן
און האווען
(צעפּירט אין הימל א יארידו),
ווי ס'וואָלט די ערד דאָרט ניט געפּראוועט,
ווי פּראוען וואָלט דאָרט קיינער ניט.

עס העלפט ניט,
וואָס דער וועטער בײז איז,
די פייגל קויקלען זיך געשיקט,
זײ פליִען, ווי אין סאמע ברײשיס,
ווי מיט מיליאסן יאָר צוריק.

גענוג שוין!
זאָלן פייגל ויסן:
מיט ראדיאָ איך שטעל זײ אָפּ!
נאָר כ'שטײ און שטײ און האלט פאריסן
צו זײער שײנעם פלי דעם קאָפּ...

1972

סעמיאָן קירסאנאָוו (1906 — 1972)

* * *

אין גאס, פול מיט מענטשן, האָט ביטער געוויינט א מידל,
דערנאָך די אויגן זיך אויסגעווישט אָן קאעס, אָן צאָרן.
זאָגן מיר, אז זי האָט, ווײַזט אויס, דעם געליבטן אָנגעוואָרן.

און איך, פאַרבײַגייער, האָט דען קיינמאָל אזוי ניט געמוזט זיך שיידן?
און פון דעם דאָס הארץ בא אײַך ניט געכליפּעט מעסוקן?
פאַרוואָס זשע גייט איר פאַרבײַ, און די אויגן בא אײַך זײַנען טרוקן?

באַהאַלט ניט, פאַרבײַגייער, אײַערע טרערן אזוי ווי בערעזעס באַהאַלטן
דעם ביטערן זאַפט אונטער דער קאָרע אין א פרילינג א קאַלטן.

1946

* * *

לאָז פרײַ מיך, טײַערע, פון צווייפל —
צי ביסט מיט עפּעס ניט פאַרפלעקט,
צי דרייסטו זיך ניט ווי א רייפל,
וואָס לויפט מיט יעדן דריי אוועק.

באַפרײַ מיך פון אזאמין לעבן,
ווו ריינע ליבע איז א שאַנד
און דאָס, וואָס איז פון גאָט געגעבן,
איז נימעס: שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט.

מיט אייפער וועל איך דיך ניט שטראָפן,
ניט זאָגן, אז דו ביסט געמיין.
די שלעכטע טועכצן טו אָפּן,
שוין מער ניט, ווי ביז איצט, געהיים.

1959

ארן ווערגעליס

מײַן קלײנע אַנטאָלאָגיע פֿון דער רוסישער דיכטונג אין XX יאָרהונדערט

אין מײַן אַנטאָלאָגישער זאַמלונג "רוסישע דיכטונג אין XX יאָרהונדערט" זײַנען אײַנגעשלאָסן אָפּגעקליבענע לידער, וואָס עס האָבן געשאַפֿן רוסישע פּאָעטן נאָכן 1899 יאָר, אומאָפּהענגיק אין וועלכן לאַנד זיי האָבן געלעבט, אָדער לעבן איצט און צו וועלכער אידעאָלאָגיע עס טראָגט זיי אָפּ די אידעאָלאָגיזירטע קריטיק. פֿאַרשטייט זיך, אַז אױף וויפֿל קיינער האָט בײַ מיר די איבערזעצונגען ניט באַשטעלט און כ'האָב בײַ דער אַרבעט מיט קיינעם זיך ניט גערייצעט, איז דער אָפּקלײַב אַ סובּיעקטיווער, לויט מײַן אייגענעם געשמאַק און פֿאַרשטאַנד. ווײַזט אויס, אַז כ'וועל אין אַ ווײַטערדיקער אויפֿלאַגע אײַנשליסן אויך אַנדערע פּאָעטן און לידער, וואָס עס וועט פֿאַרפֿולקומען און דערגאַנצן די זאַמלונג, דערנעענטערנדיק זי טאַקע צו אַן אַנטאָלאָגיע. ס'פֿעלט איצט אויך דער געהעריקער וויסנשאַפֿטלעכער אַפּאַראַט.

ВЕРГЕЛИС А.А.

Моя маленькая антология переводов русской поэзии XX столетия. Стихи и поэмы на языке идиш. Москва, "Ди идише гас", 1993 г., 160с.

В первую тетрадь этого сборника вошли переводы на идиш произведений русских поэтов, творчество которых относится частично или полностью к XX столетию. Подобное издание появляется на еврейском языке впервые.

Арон Алтерович Вергелис

МОЯ МАЛЕНЬКАЯ АНТОЛОГИЯ

Стихи и поэмы

Редактор *А.А.Вергелис*
Технический редактор *Е.Б.Прудникова*
Корррректор *Б.А.Гершман*

Сдано в набор 06.09.93г. Тираж 1000 экз.
101000 Москва, ул.Мясницкая,17.
Типография М/П „Агро-Принт"
Заказ 180